NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12737

IBERLEBUNGEN FUN YANKEV OVINU UN YOYSEF

Natan Fruchter

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. פרוכטער

איבערלעבונגען פון
יעקב אָבינו און יוסף

(מעשהלעך פון חומש)

פאַרלאַג ב. איירעס

1954

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723.
Es propiedad del autor.

LA VIDA DEL PATRIARCA JACOBO Y SU HIJO JOSE

(Cuentitos de la Biblia)

Por N. FRUCHTER

Copyright by N. Fruchter, Buenos Aires.

I

דאָס לעבן פֿון יעקב אָבינו

איינלייטונגס־וואָרט פונעם פאַרלאַג

נתן פרוכטער, געבוירן 1891 אין באַלעכאָוו, אַ שטעטל אין מזרח־גאַליציע, איז געקומען אַהער מערץ 1914, און נאָכן דורכמאַכן שווערע יאָרן אַלס גרינער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דעם געוועזענעם וואָכן־בלאַט „די געזעלשאַפט" און מערץ 1919 אויפגענומען געוואָרן אַלס מיטרעדאַקטאָר אין דער גרויסער טאָג־צייטונג „די פרעסע", וווּ ער איז געבליבן רעדאַקציע־מיטגליד ביז איצט. אין 1944 איז דערשינען דער ערשטער און 1945 דער צווייטער באַנד פון זיין גרויסער און וויכטיקער אַרבעט „די געשיכטע פון אַרגענטינע", און אין 1950, ווען אונדזער לאַנד האָט געפייערט דעם 100טן יאָרצייט פון דעם גענעראַל סאַן מאַרטין, האָט דער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין „ה. ד. נאָמבערג" אַרויסגעגעבן דאָס בוך „גענעראַל סאַן מאַרטין", געשריבן פון פרוכטער. זינט עטלעכע יאָר פירט ער אָן די קינדער־אָפּטיילונג אין „די פרעסע" און איז אויך פון צייט צו צייט מיטאַרבעטער אינעם קינדער־זשורנאַל „אַרגענטינער ביימעלעך".

די מעשהלעך פון חומש, וואָס מיר גיבן אַרויס, זיינען געדרוקט געוואָרן אין פאָרזעצונגען אין „די פרעסע". דאָס איז אַ גאַנץ נייער אופן פון איבערגעבן די טראַגישע איבערלעבונגען פון יעקב אָבינו און זיין זון יוסף. אויף אַן איינגאַרטיק דערציילערישן אופן ווערן געשילדערט אַלע עפּיזאָדן אין יעקבס און יוספס לעבן. דער לייענער בלייבט געשפּאַנט און מיטגעריסן באַלד פון אָנהייב פון ערשטן קאַפּיטל. באַזונדערס איז עס פאַר דער יוגנט אַ לאַקנדיקער לייען־מאַטעריאַל.

מיטן אַרויסגעבן „מעשהלעך פון חומש" וויל דער פאַרלאַג „אַרגענטינער ביימעלעך" געבן אַ פרישע מתנה אונדזער יוגנט, און אויך דערפרישן אין זכרון פון די טאַטעס די חדר־יאָרן און יוגנט־צייט, ווען מען האָט אַזוי פלייסיק און מיט ליבע געלערנט דעם חומש.

מיר דערוואַרטן אַז דער לייענער וועט דאָס ביכל אויפנעמען מיט צופרידנקייט און אָפּשאַצן די אויסגאַבע.

פאַרלאַג „אַרגענטינער ביימעלעך"

אַ קורץ פאַרוואָרט

דער תנ"ך, אדער ווי מען רופט עס אין דער וועלט שפראך די ביבל אדער הייליקע שריפט, איז געווען און בלייבט דאס בוך פון דער מענטשהייט; איז געווען און בלייבט א צוציונגס לעקטור פאר יעדן קולטור מענטש. באזונדערס איז דער תנך באליבט און געהייליקט ביים יידישן פאלק. מיר האבן דארט די פארצייכנונג פונעם בראשית פון יידישן פאלק אנהויבנדיק פון די אבות, מיט די באשרייבונגען פון מתן תורה, די באזעצונג אין פארשפראכענעם לאנד, די טעטיקייט פון די מלכים און נביאים און פאלקס־לעבן.

די תורה איז געבליבן דאס אייביק הייליקע ספר פון וועלכן דאס יידישע פאלק האט געשעפט כוח אויסצוהאלטן נגישות, רדיפות און הריגות אין לויף פון יאר־טויזנטער און ס'איז געבליבן דאס באליבטע ספר אין וועלכן מען געפינט טרייסט:

וויפל מאל האבן מיר אלס חדר קינדער געלערנט די מעשיות פון חומש בראשית, די מעשיות פון קין מיט הבל, פון נחס תיבה, פון אברהם און לוט, פון יעקבס דינען ביי לבן און פון מכירת יוסף? מיר האבן עס געלערנט פון חומש און אונדזערע מאמעס און שוועסטערס פון דער צאנה וראנה, און יעדעס מאל ווען מיר זיינען נעקומען נאך אמאל צו די זעלבע סדרהס האבן מיר זיי געלייענט און געלערנט מיט פרישער הנאה.

א סך יידישע שרייבער האבן אויסגענוצט יענע אינטערעסאנטע פאסירונגען וואס ווערן דערציילט אין חומש און געשאפן פון זיי מעשהלעך פאר קינדער. יעדער פון זיי האט עס געטון אויף אן אנדערן אופן. איך האב געפרואווט דא איבערגעבן צוויי מעשהלעך אויף א נייעם אופן, אין א דערציילערישער פארם, וואס זאלן זיין לייכט צוגענגלעך פארן קינד. דאס זיינען עפיזאדן פון די איבערלעבונגען פון יעקב אבינו, דער שטאמפאטער פון פאלק ישראל, און פון זיין ליבלינגס זון יוסף. דער אינהאלט איז גענומען פון ספר בראשית ווו ביידע פארנעמען זייער אן אנגעזעענעם פלאץ. מיין צונאב איז בלויז אויף לייכטער און פארשטענדלעכער צו מאכן דאס לייענען.

איך וויל האפן אז די געמאכטע ארבעט וועט געפינען חן ביים לייענער און דערגרייכן דעם צוועק צוליב וועלכן זי איז געמאכט געווארן.

דער מחבר

— 1 —

דער זיידע מיט די אייניקלעך

ווען יעקב אבינו האָט זיך באַזעצט אין מצרים אין פּראָווינץ גושן, האָט ער געהאַט אַסאַך אייניקלעך און אַסאַך אוראייניקלעך, אָבער מער פון אַלע האָט ער פאַרבראַכט מיט אפרים און מנשה, די צוויי זין פון יוסף. און ס'איז קיין חידוש נישט. עפּעס איז דאָך יוסף געווען דאָס קינד פון זיין רחל, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און פאַר וועלכער ער האָט געדינט ביי איר פאָטער לבן קודם זיבן יאָר און דערנאָך ווידעראַמאָל זיבן יאָר... די צוויי פּרינצן אפרים און מנשה, די קינדער פונעם שני למלך פון מצרים, האָבן אויך זייער ליב געהאַט זייער זיידע יעקב און פלעגן קומען צו רייטן במעט אַלע טאָג, אים צו באַזוכן און מיט אים ריידן. זיי פלעגן אים דערציילן וועגן די אוידיענצן וואָס זייער פאָטער יוסף האָט געהאַט מיט פּרעה און וועגן די אַלע מענטשן, די גובערנאַטאָרן פון פּראָווינצן, אַלערליי חרטומים און גייסטלעכע וואָס זיינען געקומען צו זייער פאָטער מיט פאַרשידענע ביטעס. פון צייט צו צייט איז יעקב אין באַגלייטונג פון אפרים און מנשה אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט־הויז און זיך נעלאָזט אין שפּאַציר צו די פּאַשעס, וווּ די זין און אייניקלעך האָבן געפּאַשעט די גרויסע טשערעדעס שאָף, רינדער און אייזלען.

געקומען איז יעקב מיט אַ פאַמיליע פון 66 נפשות קיין מצרים, און מיט אים און יוסף, אפרים און מנשה זיינען עס געווען צוזאַמען 70 עברים, אָבער איינגיכן האָט זיך די צאָל אייניקלעך און אור־אייניקלעך פאַרגרעסערט און יעקב האָט מיט פרייד אויפגענומען די ידיעה פון יעדן נייעם קינד וואָס איז צוגעקומען אין זיין משפחה. ער האָט געזען אַז עס הייבט אָן מקויים ווערן דאָס וואָס גאָט פון אברהם און פון זיין פאָטער יצחק האָט אים צוגעזאָגט אין יענער נאַכט אין באר שבע פאַר זיין גיין קיין מצרים: „איך בין גאָט, דער גאָט פון דיין פאָטער — האָט ער אים געזאָגט — זאָלסט נישט מורא האָבן אַראָפּצונידערן קיין מצרים, ווייל פאַר אַ גרויס פאָלק וועל איך דיך דאָרטן מאַכן“. און אַט זעט ער ווי עס וואַקסט די צאָל קינדער, עס הייבט אָן אויסוואַקסן אַ נייַ פאָלק, אַ פאָלק פון בני ישראל.

איינמאָל ווען אפרים און מנשה זענען געקומען אין אַן אינדערפרי צו זייער זיידע האָבן זיי אים געטראָפן זיצן אין דרויסן פאַרן געצעלט אויף אַ שטיין. ווי שטענדיק האָבן זיי באַגריסט דעם זיידן און ער האָט זיי שטיל געענטפערט אויפן גרוס. מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט געוויינט.

— איז דיר עפּעס, זיידע? — האָט אפרים געפרעגט, דערנענטערנדיק זיך צום אַלטן זיידע, — פילסט דיך אפשר קראַנק?

— ניין, קינד, — האָט יעקב געענטפערט. — איך בין שוין הונדערט מיט פערציק יאָר אַלט, און פיל מיך גאַנץ גוט. כ'האָב מיר נאָר דערמאָנט אַז היינט איז דער יאָרצייט פון מיין רחל, אייער באָבע, און עס האָבן זיך באַוויזן טרערן אין מיינע אויגן. ס'איז גע־ווען פונקט אַזאַ שיינער זומערטאָג ווי היינט דעמאָלסט. ווען מיר האָבן זיך געפונען אויפן וועג קיין אפרת, האָט די באָבע אייערע אָנגעהויבן זיך פילן שלעכט. זי איז געגאַנגען שווער און באַקומען געבורט ווייען. זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און מיר אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פעלד. באַלד האָט אַ הייבאַם אָנגעהויבן זי באַדינען און ס'איז געבוירן געוואָרן דעמאָלסט אייער יינגסטער פעטער בנימין. די הייבאַם האָט איר געזאָגט: „זאָלסט נישט מורא האָבן, ווייל אויך דאָס איצטיקע קינד דיינס איז אַ זון". רחל האָט זיך געפילט זייער שלעכט און זי האָט פאַרשטאַנען אַז עס דער־נענטערט זיך איר סוף. זי האָט קוים אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „בן אוני" וואָס מיינט זון פון מיין טרויער און זי איז באַלד געשטאָרבן. דאָס וואָס זי האָט געזאָגט האָט געזאָלט זיין דער נאָמען פון נייעם קינד, אָבער איך האָב אים אַ.נאָמען געגעבן בנימין, זון פון מיין רעכטער האַנט. צוויי קינדער האָט מיר רחל געבוירן: אייער פאָטער יוסף און זיין ברודער בנימין. דאָרט ווו זי איז געשטאָרבן האָב איך זי באַגראָבן. דאָס איז ביי בית לחם. שפּעטער איז אויך געשטאָרבן לאה און איך האָב זי באַגראָבן אין דער מאָרת המכפּלה וואָס מיי! זיידע אברהם האָט אָפּגעקויפט פון עפרון דעם חתי אַלס אייגנטום פאַר קברים. דאָרט ליגן אברהם און זיין ווייב שרה, דאָרט ליגט מיין פאָטער יצחק און מיין מוטער רבקה. דאָרט ליגט אויך לאה און ווען איך וועל שטאַרבן דאַרף איך אויך אַהין געבראַכט ווערן.

יעקב האָט נאָך טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און מנשה האָט געקנייט פאַר זיין זיידע און געבעטן: הייב אויף די אויגן און זע ווי ליכטיק ס'איז דער טאָג. דו לעבסט דאָך איצט אין פולער רו און אַרומגערינגלט פון דיינע קינדער. דו ועסט נאָך, זיידע, לעבן אַ סך יאָרן מיט אונדז. וויין נישט מער. —

אפרים האָט אויך געבעטן דעם זיידע נישט צו טרויערן און געזאָגט: דערצייל אונדז עפּעס ווען דער באָבע רחל. אונדזער פאָטער האָט אונדז עפּעס דערציילט, אָבער זייער ווייניק. דערצייל דו אונדז מער.

— גוט קינדער, איך וועל אייך דערציילן — האָט יעקב גע־זאָגט. כ'וועל אייך דערציילן ווענן מיין דורכגעמאַכטן לעבן און ווענן רחלען, אָבער נישט איצט. מאָרגן, וועל איך אייך דערציילן.

— 2 —

די יוגנט־יאָרן

אויפן צווייטן טאָג זענען ווידער געקומען אפרים מיין מנשה צום זיידן יעקב. זייהאָבן נעכטן דערציילט זייער פאָטער יוסף ווענן זייער שמועס מיטן זיידע. דער פאָטער האָט זיי געקושט

און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. היינט האָט ער זיי באַלד נאָכן פרישטיק געשיקט צו זייןפּאָטער: גייט, קינדער און דערפרייט אַ ביסל מיין אַלטן טאַטע.

יעקב האָט שוין געוואַרט אויף די קינדער אין דרויסן פאָרן געצעלט. אַרום אים האָבן זיך געפּונען טעלעבע קינדער פון בנימין, און ווען זיי האָבן געזען אָנקומען אפרים און מנשה אויף ווייסע פערד האָבן אויך זיי זיך דערנענטערט צום זיידע. בנימינס קינדער זיינען געווען בלע (בעלא), אשבל (אַשבייל), אחרת (אַכראַר), נוחה (נויכאַ) און רפא (ראַפאַ). זיי זיינען געווען שטענדיק נעבן הויז פון זייער זיידע.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אונטערן שאָטן פון פּאַלמענביימער נעבן געצעלט ־הויז פון יעקב, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן:

מיין לעבן, ליבע קינדער, איז געווען שווער און פול מיט ליידן און געפאַרן. בלויז אַ ביסל יאָרן זענען געווען מיט פרייד. דאָס זענען געווען יענע יאָרן זיים דעם איך האָב געטראָפן רחלן, אייער באָבע, ביז דעם סוף פון איר לעבן.

בכדי איר זאָלט וויסן אַלץ פון אָנהייב אָן, וויל איך אין קורצן דאָ איבערגעבן מיין אָפּשטאַם, וואָס איז אויך אייער אָפּשטאַמונג: דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט איז געווען אדם. אים האָט גאָט באַשאַפן. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיטן נאָמען חוה (כאַווע) און זי האָט אים געבוירן צוויי זין — קין (קאַיען) און הבל (העוועל). דער ערשטער האָט דערהרגעט דעם צווייטן, איז געבליבן בלויז קין. ער האָט געהאַט אַ זון חנוך און חנוך האָט געהאַט אַ זון עירד (איראַד). דער לעצטער האָט געבוירן אַ זון מחויאל און מחויאל האָט געהאַט אַ זון מתושאל. דער לעצטער האָט געהאַט אַ זון למך (לעמעך). מער ווייסט מען נישט פון זיי. דער דאָזיקער למך האָט געהאַרגעט קינען.

חוה האָט אויך געבוירן צו אדם אַ זון שת (שיים אָדער שייס) און ער האָט געהאַט אַ זון אנוש (ענויש). שת איז אַלט געווען 105 יאָר ווען אנוש איז ביי אים געבוירן. אנוש האָט געהאַט אַ זון קינן (קיינאַן) און דער לעצטער האָט געבוירן אַ זון מהלאל (מאַהאַלאַל). פון אים איז געבוירן ירד (יערעד) און ירד האָט אין עלטער פון 165 יאָר געבוירן אַ זון חנוך. פון אים איז געבוירן מתושלח (מעטושעלאַך) און ער האָט אין עלטער פון 187 יאָר געבוירן למך. דער דאָזיקער למך דער צווייטער האָט אין עלטער פון 182 יאָר געבוירן נח (נויאַך), און נח האָט אין עלטער פון 500 יאָר געבוירן שם (שיים). דערנאָך חם און יפת. אין נחס צייט איז געווען דער מבול. נחס זון שם האָט געבוירן אין עלטער פון 200 יאָר, צוויי יאָר נאָכן מבול, ארפּחשד און דער לעצטער האָט געבוירן שלח (שעלאַך). פון אים איז געבוירן עבר (אייבער) און ער האָט געהאַט אַ זון פלג (פּעלעג). פלג האָט געבוירן רעו און דער לעצטער האָט געהאַט אַ זון שרוג.

— פון וואַנעט ווייסטו דאָס אַלץ, זיידע? — האָט געפרעגט ניינעריק מנשה.

— דאָס אַלץ, קינד מיינס, ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור. אברהם האָט עס איבערגעגעבן יצחקן און מיין פאָטער מיר.

ווען אייער פאטער יוסף וואלט אייך נישט דערציילט גארנישט וועגן זיין אפשטאם וואלט איר זיכער אויסגעוואקסן מצרים. אבער לאמיר ווייטער גיין. איך האלט שוין באלד ביי אונדזער משפחה, ביי אונדז. שרוג האט געהאט א זון נחור און נחור האט געבוירן תרח (טעראך). דאס איז געווען מיין עלטער זיידע. תרח האט געבוירן דריי זין: אברם, דערנאך נחור און שפעטער הרן. תרח האט געהאנדלט מיט געצנבילדער און ער האט געמסרט זיין זון אברם צום דעמאלסטיקן הערשער אין לאנד כשדים, נמרד (נימראד), אז אברם מאכט חוזק פון די אפגעטער און מען האט דערפאר אברמען געווארפן אין קאלך־אויוון, אבער גאט האט געשיקט מלאכים און זיי האבן אים ארויסגענומען א לעבעדיקן און אומבאשעדיקטן. דאס איז געווען אין אור כשדים.

אברם האט חתונה געהאט מיט שרי, און גאט האט געהייסן ענדערן זייערע נעמען אויף אברהם און שרה. נאך דער חתונה זענען אברהם און שרה אוועק פון אור כשדים קיין חרן, אין לאנד כנען, און שרה האט אין עלטער פון 90 יאר געבוירן א זון און אים גערופן יצחק. דאס איז געווען מיין פאטער. אברהם האט שפעטער מיט יארן געשיקט זיין קנעכט אליעזר צו ברענגען אים א טאכטער פון זיין פאמיליען־הויז, און ער האט געבראכט רבקהן, די טאכטער פון בתואל, וואס מיינט אברהמס ברודערס, חרנס, אן אייניקל.

רבקה האט חתונה געהאט מיט יצחקן און זיי האבן איבערגענומען אברהמס הויז און פארמעגן. יצחק און רבקה דאס זענען געווען מיין טאטע־מאמע. מיין מוטער רבקה האט געבוירן צוויי קינדער: מיין ברודער עשו (אייסעוו) און מיך. ביי מיר ווידער זענען געבוירן צוועלף זין און א טאכטער, און זיי האבן מיך באשאנקען מיט א סך אייניקלעך, און א טייל פון זיי זענט איר. אט דאס האב איך אייך דערציילט, אויף צו באקענען אייך מיט מיין און אייער אפשטאמונג. און איצט וועל איך אייך דערציילן וועגן מיין דורכגעמאכטן לעבן.

ווי איך האב אייך שוין געזאגט, האב איך געהאט א צווילינגס־ברודער מיטן נאמען עשו, א שטארק באוואקסענער מיט האר. מיט אים האב איך געהאט אפטע מחלוקתן. אים האט ווייניק וואס אינטערעסירט דאס לעבן פון טאטע־מאמע, נאר זיך אפגעגעבן מיט ווילדקייטן און מיט יאגד אויף פייגל און חיות. איך ווידער בין געווען א שטוב־מענטש, האב געהאלפן טאטע־מאמע אין אלץ, האב אפילו זיך אפגעגעבן מיט קיך־ארבעט, און דערפאר האט מיין מוטער רבקה מיך זייער ליב געהאט. מיין פאטער איז געווען זייער רייך. עס איז אים געבליבן א גרויסע ירושה פונעם זיידע: שאף און רינדער, קעמלען און אייזלען, און די צאל האט געהאלטן כסדר אין וואקסן. א סך א סך פאסטוכער האבן געארבעט ביי מיין פאטער. עס זענען אויך געווען קנעכט און דינסטן. אזוי ווי עשו איז געווען א פעלד־מענטש און קיינמאל נישט געהאט קיין אינטערעס פאר דער שטוב, בין איך געווען דער אויפזעער אויף אלץ און די מוטער מיינע האט געהאט מיט מיר אפטע באראטונגען. אויך דער פאטער האט געהאט מיט מיר שמועסן איבער פארשיידענע זאכן.

דורך דער גרויסער רייכקייט פון מיין פאָטער האָבן מיר גע־האַט שונאים צווישן די אַרומיקע שכנים די פּלישתּים, און זיי האָבן פאַרשאָטן אַלע ברונעמער וואָס מיר האָבן געהאַט נאָך פון די צייטן פון אברהם, און ווען די קנעכט פון מיין פאָטער האָבן אויסגעגראָבן אין גרד נייע ברונעמער, האָבן די דאָרטיקע פּאַס־טוכער פאַרכאַפּט די נייע ברונעמער. דאָס האָט געצוואונגען אונדז אויסצוואַנדערן קיין באר שבע.

איין מאָל האָב איך געקאָכט אַ געשמאַקן מאכל פון לינדזן. עשו איז געקומען פון פעלד און איז געווען שטאַרק הונגעריק. און ווען ער האָט דערפילט דעם גערוך פון עסן האָט ער געבעטן איך זאָל אים געבן פון דעם געקעכטס. ווי איך האָב אייך געזאָגט, זענען מיר ביידע געווען צווילינגס־ברידער, נאָר עשו איז געבוירן מיט מינוטן פריער און איז דעריבער געווען אַ בכור. אַלס בכור האָט ער מער רעכטן ווי איך. ווען ער האָט געבעטן איך זאָל אים געבן עסן האָב איך געענטפערט: „גוט, כ׳וועל דיר געבן עסן, אָבער פאַרקויף מיר דערפאַר די בכורה״. און ער האָט געענטפערט: „זע יעקב, איך גיי־אויס פון הונגער; וואָס דאַרף איך די בכורה״? „אויב אַזוי, האָב איך געזאָגט, שווער מיר״. און ער האָט גע־שוווירן, אַז ער פאַרקויפט מיר די בכורה. איך האָב אים געגעבן ברויט און דאָס געקעכטס פון לינדזן. ער האָט געגעסן, געטרונ־קען, און אויפגעשטאַנען אַ זאַטער און אַוועקגעגאַנגען.

ווען עשו איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר האָט ער חתונה געהאַט, האָט גענומען פאַר אַ ווייב יהודית די טאָכטער פון קארי אוןבשמת(באַסמאַס) די טאָכטער פון אילון, ביידע פון פאָלק חת (כיים) און די צוויי ווייבער האָבן שטאַרק פאַרביטערט דאָס האַרץ פון מיין פאָטער און מוטער.

מיין פאָטער האָט אויף דער עלטער געליטן אויף די אויגן. ביסלעכווייז איז זיין זע־קראַפט געבראָכן געוואָרן, ביז ער איז אין גאַנצן בלינד געוואָרן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער צוגערופן עשון און אים געזאָגט: „זון מיינער, זע איך בין אַלט און איך ווייס נישט דעם טאָג פון מיין טויט. גיי אַרויס אין פעלד מיט דיינע וואָפן, דיין בויגן און פייל־בייטל, און פאַנג מיר אַ געפאַנג און מאַך מיר אַ מאכל וואָס איך האָב ליב. ברענג עס מיר איך זאָל עסן, און איך וועל דיך בענטשן איידער איך שטאַרב״.

עשו איז אַוועק אין פעלד, און מיין מוטער, רבקה, וואָס האָט עס געהערט, האָט מיך גערופן באַלד און געזאָגט: „גיי שנעל צו די שאָף און ברענג מיר פון דאָרט צוויי יונגע פעטע ציגן. איך וועל צוגרייטן אַ מאכל פאַר דיין פאָטער און דו וועסט עס אים ברענגען ער זאָל עסן און דיך בענטשן״. איך האָב געפּרוווט מיך אָקעגנשטעלן און האָבן געזאָגט: „זע, מאַמע, מיין ברודער עשו איז אַ האָריקער און איך בין אַ גלאַטער. טאָמער וועט מיין פאָ־טער מיך באַרירן וועט עס אויסקומען אַז איך בין אַן אָפּנאַרער און ער וועט מיך שעלטן אַנשטאָט בענטשן״. מיין מוטער האָט מיך אָבער זייער ליב געהאַט, האָט זי געזאָגט: „אויף מיר דיין קללה, מיין זון. הער וואָס איך זאָג דיר. גיי און ברענג״.

— 3 —

יעקב באַקומט די ברכה פון זיין פאָטער

און יעקב האָט ווייטער דערציילט:
איך האָב געטון ווי מיין מוטער האָט געהייסן. כ'האָב גע־בראַכט צוויי יונגע ציגן, האָב זיי געלאָזט דורך א קנעכט שעכטן, און מיין מוטער האָט צוגעגרייט דאָס מאכל ווי מיין פאָטער האָט ליב געהאַט. זי האָט מיר געגעבן אנצוטון די שענסטע קליידער פון עשו און די הענט מיינע ארומגענומען מיט די ציגן־פעלכלעך. אויך דעם האַלדז האָט זי ארומגעלייגט מיט א פעלכל, ווייל זי האָט גע־קאָנט מיין פאָטער און פאַרשטאַנען, אז ער קען פרוון מיך ארומ־נעמען. און דאָן וואָלט אויפגעדעקט געוואָרן דער שווינדל. די מו־טער האָט מיר געגעבן דאָס צוגעגרייטע מאכל און ברויט און איך בין, פול מיט שרעק, צוגעגאַנגען צום פאָטער, און שטיל געזאָגט: „פאָטער" און ער האָט געענטפערט: „אָט בין איך" ווער ביזטו מיין זון?"
— איך בין עשו דיין בכור — האָב איך געענטפערט. כ'האָב געטון ווי דו האָסט מיר געהייסן. הויב זיך אויף, כ'בעט דיך, זעץ דיך און עס פון מיין געפאַנג, כדי דו זאָלסט מיך בענטשן.
פאַר מיין פאָטער איז מיין קול און דאָס שנעלע ברענגען דאָס עסן געוועזן אן איבערראַשונג און ער האָט מיך געפרעגט:
— ווי אזוי האָסטו עפעס אזוי גיך עס דערגרייכט, מיין זון?
— ווייל גאָט דיין האַר האָט עס מיר צוגעשיקט — האָב איך געענטפערט.
דאָס איז אָבער ניט געווען גענוג, און מיין פאָטער האָט געזאָגט: „קום צו נענטער, כ'בעט דיך, און לאָמיך דיך אָנטאַפּן. מיין זון, צי ביזטו טאַקע דאָס מיין זון עשו אָדער ניט".
איך בין צוגעגאַנגען און ער האָט אָנגעטאַפּט די הענט און געזאָגט: „דאָס קול איז — דאָס קול פון יעקב, אָבער די הענט זיי־נען — די הענט פון עשו" און האָט באַלד צוגעגעבן: „נו, דערלאַנג מיר וועל איך עסן פון מיין זונס געפאַנג כדי איך זאָל דיך בענטשן". כ'האָב געגעבן מיין פאָטער דאָס עסן און אויך געבראַכט וויין אים, ווייל וויין, קינד'ער מיינע, דערפרייט דעם מענטשנס האַרץ.
פאַר מיין פאָטער איז נאָך אלץ געבליבן דער חשד אז איך נאַר אים און ער האָט געזאָגט נאָכן עסן, פאַרן בענטשן מיך: „דער־נענטער דיך, כ'בעט דיך, און גיב מיר א קוש, מיין זון". איך בין ווידער צוגעגאַנגען צו אים און ער האָט געשמעקט צו די מלבושים וואָס איך בין געווען אָנגעטון, עשוס קליידער, און כ'האָב אים א קוש געטון. דערמאָלט האָט ער אויפגעהויבן די הענט און מיך גע־בענטשט:
„גאָט זאָל דיר געבן פון דעם טוי פון הימל און פון די פעטס־קייטן פון דער ערד און א סך תבואה און וויין.
„פעלקער זאָלן דיך דינען און אומות זאָלן זיך בוקן צו דיר.
„זיי א האַר איבער דיינע ברידער, און די זין פון דיין מוטער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
„פאַרשאָלטן זאָלן זיין די וואָס שעלטן דיך, און געבענטשט זאָלן זיין די וואָס בענטשן דיך".

באלד נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען די ברכה האָב איך פאַרלאָזט מיין פאַטערס צימער. אין יענעם מאָמענט איז געקומען עשו פון זיין יאַגד. ער האָט צוגעגרייט אַ מאָכל און עס געבראַכט דעם פאַטער און געזאָגט: „זאָל מיין פאַטער אויפשטיין און עסן פון זיין זונס געפאַנג כדי ער זאָל מיך בענטשן".

ווער ביזטו? — האָט דער פאַטער געפרעגט מיט פאַרוווּנ־דערונג.

— „איך בין דיין זון, דיין בכור" — האָט מיין ברודער גע־ענטפערט.

דער פאַטער איז פאַרציטערט געוואָרן און געפרעגט: ווער זשע איז געווען יענער וואָס האָט געפאַנגען אַ געפאַנג און מיר געבראַכט צו עסן, איידער דו ביזט געקומען, און איך האָב אים געבענטשט?" אָבער ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס בין איך געווען, האָט ער אָנשטאָט אַרויסקומען מיט צאָרן קעגן מיר, צוגעגעבן: „זאָל ער אויך בלייבן געבענטשט".

אַז עשו האָט דערהערט די ווערטער פונעם פאַטער, האָט ער אויסגעבראַכן מיט אַ געוויין און געשריי, און געזאָגט: „בענטש מיך אויך, פאַטער" און דער פאַטער האָט געענטפערט: „דיין ברו־דער איז געקומען מיט פאַלשקייט און האָט צוגענומען דיין ברכה".

שוין צוויי מאָל האָט ער מיך אָפּגענאַרט — האָט מיין ברו־דער זיך געקלאָגט — מיין בכורה האָט ער פריער צוגענומען און איצט האָט ער צוגענומען מיין ברכה. האָסטו דען, פאַטער, ניט אי־בערגעלאָזט קיין שום ברכה פאַר מיר?

— זע, האָט מיין פאַטער געענטפערט, איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דיר, און מיט תבואה און מיט וויין האָב איך אים געבענטשט. וואָס קען איך טון איצט, מיין זון?

— איז דאָס דען די איינציקע ברכה ביי דיר, פאַטער — האָט זיך עשו געבעטן — בענטש מיך אויך מיט עפּעס.

עשו האָט זיך צעוויינט און דער פאַטער האָט מיטגעפילט זיין צער און אים אויך געבענטשט:

„אויף די פעטקייטן פון דער ערד וועט זיין־ביין וווינונג, מיטן הימלס טוי פון אויבן.

„מיט דיין שווערד וועסטו לעבן און דיין ברודער וועסטו דינ־נען, נאָר ס'וועט זיין אַ צייט אַז דו וועסט דיך אָפּרייסן און זיך באַפרייען פון זיין „יאָך".

ס'איז פאַרשטענדלעך אַז עשו האָט מיך פיינט באַקומען און ער האָט זיך אויסגעדריקט: „זאָלן נאָר אָנקומען די טרויעריקע טעג נאָך מיין פאַטער, וועל איך דערהרגענען מיין ברודער יעקב". די ווערטער זיינע איבערגעגעבן געוואָרן מיין מוטער, און זי האָט מיך צוגערופן און געזאָגט:

„זון מיינער, דיין ברודער עשו טראַכט צו דערהרגענען דיך. אַנטלויף צו מיין ברודער לבן קיין חרן, און זאָלסט זיין ביי אים עטלעכע יאָר, ביז ס'וועט אָפּגיין דער גרימצאָרן און כעס פון דיין ברודער און ער וועט פאַרגעסן וואָס דו האָסט אים אָפּגעטון. דאַן וועל איך שיקן נאָך דיר און דיך אָפּנעמען".

מיין מוטער האָט אויך וועגן דעם איבערגערעדט מיטן פאַטער און געזאָגט:

„דאס לעבן איז מיר נמאס איבער די טעכטער פון חת, די ווייבער פון עשו, און אויב יעקב וועט אויך נעמען א ווייב פון די חת, וואס טויג מיר דאס לעבן".

דער פאטער מיינער האט ליב געהאט די מוטער און שטענדיק געפאלגט איר ווארט. ער האט מיך גערופן, געבענטשט און געזאגט: „זאלסט ניט נעמען א ווייב פון די טעכטער פון כנען. שטיי אויף און גיי קיין פדן ארם, צו הויז פון בתואל, דיין מוטערס פאטער. און נעם דיר דארטן א ווייב פון די טעכטער פון דיין מוטערס ברודער לבן. גאט וועט דיך בענטשן און וועט דיך מערן און וועט דיר געבן די ברכה פון אברהם, דיר און דיינע קינדער מיט דיר, כדי דו זאלסט ירשנען דאס לאנד וואס גאט האט פארשפראכן צו מיין פאטער אברהם".

יעקב איז אנטשוויגן געווארן און די אייניקלעך ארום אים האבן געבעטן ער זאל ווייטער דערציילן.

— ניין, קינדער מיינע, ס'איז אביסל צו שווער פאר מיר. עס איז איצט שוין באלד מיטיקצייט. גייט יעדער צו זיין היים און מארגן זאלט איר ווידער קומען און איך וועל אייך דערציילן ווייטער וועגן מיין דורכגעמאכטן לעבן.

— 4 —

די באגעגעניש מיט רחל

ווידעראמאל זיינען געקומען צו רייטן אויף זייערע ווייסע פערד אפרים און מנשה צו זייער זיידע, און צוזאמען מיט זיי האבן ארומגערינגלט יעקבן אויך אנדערע אייניקלעך און ער האט דערציילט:

מיך נערירט האב איך מיך געזעגנט מיטן פאטער און האב שטארק געוויינט ביים געזעגענען זיך מיט דער מוטער. אויך זי האט געוויינט און מיך געבענטשט אז דער גאט פון אברהם און יצחק זאל מיך היטן און באגליקן אויפן וועג און אין לאנד וואהין איך לאז מיך.

איך בין מיט א פעקל עסן ארויסגעגאנגען פון באר שבע פון הויז פון מיינע עלטערן, און זיך געלאזט אויפן וועג צו הרן, אין פדן ארם. נאכן אפגיין א גאנצן טאג האב איך מיך צוגעזעצט אויף א ליידיקן פעלד און געטראכט וועגן שאפן זיך א געלעגער. ארום מיר האב איך געזען שטייגער, האב איך צונויפגענומען עטלעכע און געמאכט מיר א צוקאפנס. מיד פונעם וועג און פון דער גליענדיקער זון א גאנצן טאג בין איך באלד איינגעשלאפן.

אין יענער נאכט האב איך געהאט א מאדנעם חלום. עס האט מיר געדאכט אז איך זע שטיין א לאנגע לייטער. זי איז געשטאנען אויף דער ערד און געריכט מיטן שפיץ ביזן הימל. און אויף איר זיינען מלאכים געגאנגען ארויף און אראפ. און געדאכט האט מיר אז איך זע איבער מיר גאט, און ער זאגט מיר: איך בין יהוה אלוהים, דער גאט פון דיין זיידן אברהם און דער גאט פון דיין פאטער יצחקן. דאס לאנד וואס דו ליגסט אויף איר ערד וועל איך געבן צו דיר און דיינע קינדער, און דיינע קינדער וועלן זיין אזוי ווי שטויב פון ערד, און וועסט זיך אויסשפרייטן קיין מערב, קיין מיזרח, קיין צפון און דרום. בענטשן

וועלן זיך מיט דיר און דיינע קינדער אַלע פעלקער פון דער ערד. איך וועל זיין מיט דיר און דיך היטן אומעטום וווּ דו וועסט גיין, און וועל דיך אומקערן צו דעם דאָזיקן לאַנד".

כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט צו זיך אַליין: ווי מוראדיק איז דאָס דאָזיקע אָרט. נישט אַנדערש נאָר דאָ איז דאָס הויז פון גאָט, און דאָ איז דער טויער צום הימל.

גאַנץ פרי בין איך אויפגעשטאַנען, האָב גענומען דעם שטיין אויף וועלכן כ'בין געלעגן מיט מיין קאָפּ און האָב אים אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ זייל פון אים, אַרויפגעגאָסן אויף אים בוימל וואָס כ'האָב געהאַט מיט מיר און אָנגערופן יענעם פּלאַץ בית אל — גאָטס הויז — און האָב אַ נדר געטאָן: אויב גאָט וועט זיין מיט מיר און וועט מיר היטן אויף דעם וועג אויף וועלכן איך גיי, און וועט מיר געבן ברויט צו עסן און אַ מלבוש אָנצוטאָן, און איך וועל מיך אומקערן בשלום צו מיין פאָטערס הויז, וועט יהוה זיין מיין גאָט. אָט דער שטיין וואָס איך האָב אויפגעשטעלט וועט זיין אַ סימן אַלס הויז פון גאָט און פון אַלץ וואָס ער וועט מיר געבן וועל איך אָפּטיילן מעשר (מאַיסער — אַ צענטל) פאַר אים".

אַ צופרידענער פון דעם געשעענעם, און פול מיט מוט פאַר דער צוקונפט האָב איך זיך געלאָזט ווייטער אין וועג, אין דער ריכטונג צו מיזרח, צו פּדן ארם.

דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אָבער ער האָט מיך נישט מיד געמאַכט. ענדלעך האָב איך דערגרייכט די גרויסע פּאַשעס פון פּדן ארם. ברייטע, גרויסע פעלדער און פּאַשעס. אומעטום משערעדעס שאָף, קעמלען, אייזלען. איך האָב ביי די פּאַסטוכער און דורכגייער געפרעגט כסדר וועלכער וועג עס פירט קיין חרן.

מיט אַמאָל האָב איך געזען אַ ברונע אין פעלד, אַ ברונע מיט אַ גרויסן שטיין אויף איר, און אַרום ברונעם דריי סטאַדעס שאָף מיט זייערע פּאַסטוכער. פון יענער ברונע פלעגט מען אָנטרינקען די שאָף. אַזוי ווי דער שטיין איז געווען אַ שווערער האָבן זיך געמוזט צונויפקומען אַ סך פּאַסטוכער, צו קאָנען אַראָפּנעמען דעם שטיין אויף צו קאָנען שעפּן וואַסער.

— צו וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן דעם שטיין אויף דער ברונע? — האָט געפרעגט רפאל בנימינס יונגסטער זון.

דאָס האָט מען געטאָן, — האָט יעקב געענטפערט, כּדי די פיינטלעכע פּאַסטוכער זאָלן נישט פאַרשיטן די ברונע, ווי דאָס ווערט אָפט געטון, און אויך די זאַמדן פון מדבר זאָלן זי נישט פאַרשיטן.

— דערציייל, דערציייל ווייטער, זיידע! — האָט אפרים געבעטן. און יעקב האָט געזאָגט:

ווען איך בין געקומען צו דער ברונע און געזען דאָרט פּאַסטוכער האָב איך זיי באַגריסט און געפרעגט פון וואַנען זיי זיינען.

— פון חרן זיינען מיר — האָבן זיי געענטפערט.

דאַן האָב איך געזען, אַז גאָט האָט מיך געפירט אויפן ריכטיקן וועג און איך האָב געטראָפן גוט. כ'האָב געוואָלט וויסן נאָך עפּעס מער און האָב געפרעגט: „קאָנט איר לבנען, דעם זון פון

נתור?" און זיי האבן געענטפערט, "מיר קאנען אים".
— איז פריד צו אים? — האב איך ווייטער געפרעגט.
— ס'איז פריד (אלעס גוט) — האבן זיי געענטפערט און
באלד צוגעגעבן: אט קומט זיין טאכטער רחל מיט די שאף.
כ'האב אויפגעהויבן די אויגן און געזען פון ווייטן אנקומען
א משערעדיע שאף. דאס איז געווען רחל מיט איר פאטערס שאף.
באלד האב איך איינער אליין אראפגעקייקלט דעם שטיין פון דער
ברונע, בין אקעגנגעגאנגען רחלען, האב זי געקושט און אויפן קול
זיך צעוויינט. איך האב רחלען דערציילט, אז איך בין איר קרוב,
א שוועסטערקינד, א זון פון איר פאטערס שוועסטער רבקה. זי
איז באלד אוועקגעלאפן דערציילן וועגן דעם איר פאטער און איך
האב אנגעטרינקען אירע שאף.

מיין פעטער לבן איז באלד געקומען צו לויפן, האט מיך
געהאלזט און געקושט און מיטגענומען צו זיך אין הויז.

דא האט מען מיר געגעבן באלד וואסער צו וואשן די פיס,
דערנאך האט מען מיר געגעבן צו עסן און אויך אנגעוויזן א פלאץ
פאר א געלעגער. לבן האט צוזאמענגערופן זיין משפחה זיך צו
באקענען מיט מיר און אלע האבן זיך נאכגעפרעגט אויף מיין
מוטער און פאטער.

— 5 —

אין דינסט ביי לבן

ווייטער האט יעקב דערציילט:

אין הויז פונעם פעטער לבן האב איך מיך געפילט זייער גוט.
אלע מענטשן פון דארט זיינען מיר ליב געווען, אבער מער פון אלע
האב איך געפילט א ליבשאפט צו רחל, לבנס יונגערע טאכטער. זי
איז געווען א שיינע און געהאט ליכטיקע אויגן און א שטענדיקן
שמייכל אויף די ליפן.

באלד נאך מיין קומען קיין חרן בין איך ארויס אויף דער
פאשע מיט לבנס שאף און רחל האט מיך אפט באגלייט. נאכן
פארזיין א חודש צייט, האט מיין פעטער לבן מיר געזאגט אין
איינעם אן אוונט: "הער, יעקב, וואס איך וויל דיר זאגן: דו ביסט
דאך מיין אייגן ביין און פלייש; איז, ווייל דו ביזט מיר אן איי-
גענער זאלסטו מיר דינען אומזיסט? זאג מיר, וואס דו ווילסט
אלס לוין".

מיין איינציקער ווונטש אין יענעם מאמענט איז געווען צו דער-
פילן דעם ווונטש פון מיין מוטער, צו נעמען א טאכטער פון איר
ברודער לבן פאר א ווייב. דא זיינען פאראנען צוויי טעכטער —
לאה די עלטערע און רחל די יונגערע, און רחל איז אזוי שיינע.
לאה איז נישט געווען קיין שיינע. אירע אויגן זיינען געווען שוואכע און
מיר דאכט אז אין גאנץ פרן ארם איז אזעלכע נישט געווען. לאה
זי איז געווען מעלאנכאליש. קיין בעסערן לוין פאר דער ארבעט ווי
באקומען רחלן האב איך נישט געדארפט, האב איך נאך א מא-
מענט שווייגן געענטפערט:

— איך וועל דיר, פעטער, דינען זיבן יאר פאר רחלן, פאר דער
יונגערער טאכטער.

צו מיין פרייד איז דער פעטער באלד באשטאנען און ער האט

נעענטפערט: „בעסער איך זאל זי דיר געבן איידער צו אן אנדערן מאן. נום; בלייב ביי מיר".

איך האב אזוי ארום אפגעדינט פאר רחלן זיבן יאר און זיי זיינען געווען אין מיינע אויגן ווי זיבן טעג איבער מיין ליבשאפט צו איר. פאר רחלן האב איך גאנץ אפט געשפילט אויף א פייפל ווען זי איז געווען נעבן מיר אויף דער פאשע. און מיט איר האב איך געהאט אפט געמיטלעכע שמועסן. זי האט זייער ליב געהאט איך זאל מיט איר ריידן. אלע פאסטוכער און אלע מענטשן פון גע־גנט האבן געוווסט, אז איך האב ליב רחלען און זי מיך אויך.

ווען עס האבן זיך געענדיקט די זיבן יאר דינסט, האב איך געזאגט מיין פעטער לבן: „זע, די טעג פון דינסט זיינען פארפולט געווארן. איצט וואלט איך וועלן חתונה האבן".

דער פעטער מיינער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ אויף יא, אז איך בין גערעכט און געזאגט: אמת, די זיבן יאר זיינען אוועק, האסט געדינט געטריי, דארף מען איצט צוגרייטן א חתונה. ער האט געמאכט א גרויסע סעודה, האט פארופן אלע זיינע משפחה־מיטגלידער און אויך אנדערע מענטשן פון ארט, ווי עס פירט זיך ביי א חתונה. אבער אין אוונט אנשטאט צוצוברענגען מיר אלס כלה רחלן, האט ער געבראכט לאהן. ווען איך האב דערזען אז דאס איז לאה אנשטאט רחל האב איך געזאגט דעם פעטער: פארוואס האסטו מיר עס געטאן? איך האב דאך דיר געדינט פאר רחלן און קלאר געזאגט, אז איך וועל דיר זיבן יאר דינען פאר רחלן, די יינגערע טאכטער. פארוואס האסטו מיך אפגענארט?

— ביי אונדז פירט זיך נישט אזוי. — האט לבן מיר גע־ענטפערט — מען מאכט נישט חתונה די יינגערע פאר דער עלטערער. אויב דו ווילסט, ווארט אפ די וואך און מיר וועלן דיר אויך געבן רחלן, נאר דו וועסט מיר דערפאר דינען נאך זיבן יאר.

איך האב באלד איינגעוויליקט און אזוי איז עס אויך געווען. א וואך שפעטער האב איך באקומען רחלן און לבן האט געגעבן זיין דינסט זלפה אלס דינסט פאר לאה און די דינסט בלהה אלס דינסט פאר רחלן. איך האב געדינט ביי לבן נאך זיבן יאר אלס היטער פון זיינע שאף, און אין לויף פון דער דאזיקער צייט האט לאה געבוירן קינדער. דעם ערשטן האט לאה א נאמען געגעבן ראובן און געזאגט: „גאט האט געזען מיין פיין. איצט וועט מיך מיין מאן ליב האבן".

דעם צווייטן קינד האט זי א נאמען געגעבן שמעון, דעם דריטן לוי און דעם פערטן יהודה. רחל האט נישט געהאט דאס גליק צו האבן קינדער. איר דינסט בלהה (בילהא) האט געבוירן א קינד און רחל האט אים א נאמען געגעבן דן (דאן). און דערנאך געהאט א צווייט קינד און רחל האט אים גערופן נפתלי. אויך די דינסט זלפה (זילפא) האט געבוירן א קינד און לאה האט אים א נאמען געגעבן אשר. דערנאך האט לאה געבוירן נאך א קינד, דאס פינפטע ביי איר און זי האט אים גערופן יששכר (יישאסכער) און געבוירן א זעקסט קינד און אים גערופן זבולון. צולעצט האט לאה געבוירן א מיידל און איר א נאמען געגעבן דינה.

רחל האט די גאנצע צייט קיין קינדער נישט געהאט און זי איז געווען זייער פארביטערט. זי האט זיך אפגעגעבן מיט די

צוויי קינדער פון איר דינסט בלהה. אבער עס האט זיך גאט דערבארעמט און זי האט ביים סוף פון די זיבן יאר נאך דער חתונה געבוירן א קינד. דאס איז געווען יוסף. דאס איז געווען א גרויסע טרייסט פאר רחל און א גרויסע פרייד פאר איר און פאר מיר.

איצט מיינע קינדער וועלן מיר ווידער איבעררייסן. א צווייט מאל וועל איך ווייטער דערציילן.

— מארגן ווידער; נישט אזוי זיידע? — האט מנשה נעפרעגט. — איך וויל זאלסט דערציילן אלעס וועגן מיין פאטער.

— זאל זיין מארגן — האט יעקב געענטפערט.

— 6 —

יעקב אנטלויפט אהיים

ווידעראמאל זיינען זיך צוזאמענגעקומען די אייניקלעך. עס זיינען צוגעקומען אויך קלענערע קינדער, אוראייניקלעך. אלע האבן זיך ארומגעזעצט ארום זיידע, און יעקב האט דערציילט:

— ווען רחל האט געבוירן יוסף האב איך מער נישט געוואלט בלייבן אין פדן ארם אלס פאסטוך ביי לבן. איך האב געוואלט מיך אומקערן צום הויז פון מיינע עלטערן און זיין נעבן פאטער. אין איינעם א טאג בין איך צוגעגאנגען צו לבן און אים געזאגט: „לאז מיך איצט אוועק. איך זאל מיך אומקערן צו מיין לאנד, צו מיין געבורטס־שטאט. לאז מיך מיטנעמען די ווייבער און קינדער און איך וועל גיין מיט זיי צו מיין היים.

לבן אבער האט נישט געוואלט אזוי לייכט מיך אפלאזן. ער האט געזאגט: „איך האב געזען, אז גאט האט מיך געבענטשט דורך דיר. זאג מיר דעם לוין וואס דו ווילסט און איך וועל דיר געבן". דערויף האב איך אים געענטפערט: „דו ווייסט ווי געטריי איך האב דיר געדינט און ווי שטארק פארמערט עס האט זיך די צאל שאף אונטער מיין אויפזיכט. ווינציק וואס האסטו געהאט פריער און די צאל איז שטארק אויסגעוואקסן. גאט האט דיך געבענטשט צוליב מיר. איצט וויל איך עפעס טאן אז ס'זאל זיין פאר מיין אייגן הויזגעזינד".

— וואס זאל איך דיר געבן? — האט ער געפרעגט.

— זאלסט מיר גארנישט געבן — האב איך געענטפערט.

— נאר אויב דו ווילסט איך זאל ווייטער פיטערן דיינע שאף וויל איך אט וואס: איך וועל דורכקוקן היינט אלע דיינע שאף, אפצוטיילן פון זיי יעדעס געשפרענקעלע און געפלעקטע לעמעלע, יעדעס טונקל שעפעלע צווישן די שעפסן, און די געפלעקטע און געשפרענקלטע צווישן די ציגן. איך וועל בלייבן היטן בלויז די ווייסע, און יעדעס נייע געשפרענקלט, געשטרייפט און געפלעקט שעפעלע וואס וועט געבוירן ווערן ביי די ווייסע שעפסן וואס איך וועל פאשען דאס זאל זיין מיין לוין.

דאס איז באלד אנגענומען געווארן דורך לבן און ער האט געזאגט: זאל זיין אלעס ווי דו זאגסט.

אין יענעם טאג זיינען אפגעטיילט געווארן די ווייסע שאף און ציגן און איך האב זיי גענומען אונטער מיין אויפזיכט, און די געשפרענקלטע, געשטרייפטע און געפלעקטע האט לבן איבערגעגעבן צו זיינע זין. פדן ארם האט געהאט גרויסע פאשעס, און ס'איז גע־

ווען גענוג בלאַז פּאַר אַ סך משערדעס. מיר האָבן זיך צעטיילט. פון מיינע שאָף ביז די פון לבנס זין האָבן מיר געהאַט אַ ווייטקייט פון דריי טעג.

מיינע ווייסע שאָף האָבן געבוירן אַ סך לעמעלעך, אַזוי ווייסע ווי געשטרייפטע און געפלעקטע. מיט דער צייט בין איך געוואָרן רייך אין שאָף, אין קעמלען און אייזלען. מיינע קינדער האָבן אָנגעהויבן מיר מיטהעלפן אין דער אַרבעט, אָבער איך האָב אויך געהאַט די הילף פון קנעכט און דינסטן.

איינמאָל האָב איך געהערט ווי לבנס אַ זון זאָגט צו אַ צווייטן: „יעקב האָט צוגענומען אַלץ וואָס אונדזער פאָטער האָט געהאַט, און פון דעם וואָס האָט געהערט צו אונדזער פאָטער האָט ער דאָס דאָזיקע רייכטום". און ווייזט אויס, אַז אַזעלכע שמועסן זיינען געווען אָפטע, און לבנס מיינונג איז אויך געווען אַזעלכע ווייל איך האָב באַמערקט אַז ער האָט אָנגעהויבן זיך באַציִען קאַלט צו מיר, גאַנץ אַנדערש ווי פריער. איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם אָפּמאַרן מיך ביי דער חתונה און געטראַכט אַז לבן קאָן באַגיין אַ נייעם שווינדל קעגן מיר. אויסצומיידן דאָס האָב איך געשיקט רופן רחל און לאה צו מיר אויף דער פּאַשע און געזאָגט צו זיי:

„פון אייער פאָטערס פּנים זע איך, אַז ער איז נישט צו מיר ווי נעכטן און אייערנעכטן. איר ווייסט אַז מיטן גאַנצן כוח האָב איך געדינט אייער פאָטער און ער האָט געביטן מיין לוין צען מאָל, נאָר גאָט האָט נישט געלאָזט מיר שלעכטס טאָן. ווען אייער פאָטער האָט געזאָגט: געשפּרענקלטע זאָל זיין דיין לוין, האָבן אַלע שאָף געבוירן געשפּרענקלטע, און ווען ער האָט געזאָגט „געשטרייפטע זאָל זיין דער לוין האָבן אַלע שאָף געבוירן געשטרייפטע. אַ מלאך פון גאָט האָט זיך מיר באַוויזן אין חלום און געזאָגט: „קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דיינע עלטערן און צו דיין אָפּשטאַם און איך וועל זיין מיט דיר". ער האָט געזאָגט, אַז ער קומט אין שליחות פונעם גאָט פון בית אל, וווּ איך האָב געזאַלבט אַ זייל, און האָרט אַ נדר געטון.

רחל און לאה האָבן דערויף געענטפערט: האָבן מיר דען אַ חלק אָדער אַ ירושה אין אונדזער פאָטערס הויז? זיינען מיר דען נים ווי פרעמדע ביי אים פאַררעכנט? ער האָט אונדז ווי פאַרקויפט. און איצט וויל ער צונעמען דאָס וואָס איז אונדזערס און אונדזערע קינדערס. טו אַלץ וואָס גאָט האָט דיר געהייסן טאָן.

באַלד האָב איך מיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַנטלויפן. איך האָב צוזאַמענגענומען די שאָף, אייזלען און קעמלען און אויך די קנעכט און דינסטן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די ווייבער און קינדער האָב איך אויפגעזעצט אויף קעמלען און אַלע אַנדערע זיינען געגאַנגען צופוס. מיר זיינען גאַנץ פרי אַריבער דעם טייך און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום באַרג גלעד. לבן איז גראָד דעמאָלט געווען ביים שערן פון זיינע שאָף.

אויפן דריטן טאָג איז לבן געוואָר געוואָרן אַז מיר זיינען אַוועק. ער האָט צוזאַמענגערופן זיינע ברידער און אָנגעהויבן אונדז

נאכיאגן. דאס האט געדויערט עטלעכע טעג ביי אים און ער האט אונדז אנגעיאגט ביים בארג גלעד, ווו איך האב אויפן בארג אויפגעשטעלט געצעלטן.

מיין פעטער לבן איז צוגעקומען אז אויפגערעגטער צו מיר און געזאגט: „וואס האסטו געטון? פארוואס האסטו דיך ארויסגעגנבעט און אוועקגעפירט מיינע טעכטער ווי געפאנגענע? פארוואס האסטו מיר נישט געזאגט אז דו ווילסט אוועק. איך וואלט דאך דיר באגלייט מיט געזאנג, הארף און פויק. פארוואס האסטו מיר נישט געלאזט קושן מיינע טעכטער און די קינדער? האסט זייער נאריש געטון.

איך האב אים געזאגט דעם אמת: איך האב מורא געהאט, — האב איך געזאגט — ווייל איך האב געקלערט טאמער וועסטו אוועקרייסן דיינע טעכטער פון מיר. איצט זאג מיר: פאר אונדזערע ברי־יער אין די אויגן דערקען וואס איז פאראנען דיינס ביי מיר, און נעם עס דיר צו.

לבן איז אריינגעגאנגען אין מיין אייגן געצעלט און אין די געצעלטן פון לאה, די צוויי דינסטן און גארנישט געפונען. ער איז אריין דערנאך אין געצעלט פון רחל און ארומגעזוכט און גארנישט געפונען. מיך האט דאס שטארק פארדראסן און איך האב אים געזאגט:

— וואס איז געווען מיין פארברעכן און מיין זינד וואס דו האסט מיר נאכגעיאגט? דו האסט דורכגעזוכט אלע מיינע זאכן, וואס האסטו געפונען פון אלע דיינע שטובזאכן? זאג אפן און קלאר פאר מיינע און דיינע ברידער און זאלן זיי אנטשיידן צווישן אונדז. די גאנצע צוואנציק יאר וואס איך בין געווען מיט דיר האב איך פון דיינע שאף נישט געגעסן. א פארציקטע שאף האב איך דיר נישט געבראכט, נאר דעם שאדן האב איך געליטן. דו האסט ביי מיר געמאנט פאר יעדער צוגענגבעטער שאף. ביי טאג פלעגט מיך ברענען די היץ, ביינאכט האב איך געליטן פון קעלט און דער שלאף האט געווייכט פון מיינע אויגן. צוואנציק יאר בין איך געווען ביי דיר. פערצן יאר האב איך געדינט פאר דיינע צוויי טעכטער און זעקס יאר פאר די שאף, און דו האסט געביטן מיין לוין צען מאל. ווען נישט דער גאט פון יצחק וואלסטו מיך איצט אוועקגעשיקט מיט ליידיקן.

מיין פעטער איז ווייזט אויס געפעלן מיין שארף ווארט און ער האט געזאגט: „די טעכטער זיינען מיינע טעכטער, די קינדער זיינען מיינע קינדער און די שאף זיינען מיינע שאף. איך האב בכוח צו טאן מיט אייך שלעכטס, אבער ווי קאן איך טאן שלעכטס צו די טעכטער אדער צו די קינדער. דיין גאט האט מיך אין חלום געווארנט נישט צו טאן אויך דיר שלעכטס. קום און לאמיר שליסן א בונד, איך און דו און אלע דא זאלן זיין עדות דערצו.

לבן האט געהאט טענות אז עס זיינען צוגענומען געווארן ביי אים געצנבילדער, תרפים (טראפים), און ער האט זיי ארומגעזוכט. דער אמת איז געווען אז רחל האט זיי אין געהיים צוגענומען און באהאלטן אין זאטלקישן פון קעמל אויף וועלכן זי האט געריטן. איך האב וועגן דעם גארנישט געוווסט און איך האב ארויסגעטראגן א קללה קעגן איר אומבאוווסטזיני קערהייט, זאגנדיק: ביי דעם וואס דו וועסט געפינען די תרפים זאל ניט לעבן. רחל האט אבער אזוי באהאלטן זיי אז דער טאטער האט זיי נישט געפונען.

איך האָב גענומען דעמאָלט א שטיין און אים אויפגעשטעלט פאר א זייל, און האָב געזאָגט צו לבנס ברידער: „קלויבט אויך אן שטיינער". זיי האָבן גענומען שטיינער און געמאכט א הויפן און לבן האָט געזאָגט:

— אַט דער הויפן שטיינער איז אן עדות צווישן מיר און צווישן דיר, אז איך וועל נישט אריבערגיין צו דיר, און אז דו וועסט נישט אריבערגיין אַט דעם הויפן און די זייל צו מיר אויף צו טאָן שלעכטס".

איך האָב געשוואוירן ביים גאָט פון מיין פאָטער יצחק צו האלטן דעם אפמאך און געמאכט א מאָלצייט. מיר האָבן אלע צוזאַמען געגעסן און צוזאַמען גענעכטיקט אויפן בארג. גאנץ פרי איז לבן אויפגעשטאנען, האָט געקושט די טעכטער און זיי געבענטשט. דערנאָך האָט ער מיט זיינע ברידער זיך אומגעקערט אויפן וועג קיין חרן.

— ז —

דער צוזאַמענטרעף מיט עשו

נאָכן שליסן דעם פריינטשאַפטס אפמאַך מיט לבן — האָט יעקב ווייטער דערציילט — האָב איך מיט אלע מענטשן פון מיין הויזגעזינד זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג, אין דער ריכטונג צו כנען. מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין דעם געגנט פון שעיר (סייער), וווּ עס האָט געוועלטיקט מיין ברודער עשו. איך האָב מורא געהאַט אז מיין ברודער איז נאָך אלץאין כעס אויף מיר. האָב איך געשיקט צו אים שליחים און זיי געזאָגט: „אזוי זאָלט איר זאָגן צו מיין האַר, צו עשו אין שעיר: אזוי האָט געזאָגט דיין קנעכט יעקב: ביי לבן האָב איך געוווינט ביז איצט, און איך האָב אָקסן און אייזלען, שאָף און קנעכט און דינסטן. האָב איך געשיקט אנזאָגן מיין האַר, כדי צו געפינען חן אין זיינע אויגן". די שליחים זיינען אַוועק און דערנאָך זיך אומגעקערט און דערציילט, אז זיי זיינען געקומען צו מיין ברודער עשו, און ער גייט מיר אַקעגן, און פיר הונדערט מאַן מיט אים.

ס'איז אויף מיר אנגעפאַלן א שרעק און איך האָב אנגענומען מיטלען צו-א ווידערשטאַנד און פארטיידיקונג. כ'האָב מיינע מענטשן, שאָף רינדער און קעמלען צעטיילט אין צוויי מחנות, מיטן געדאַנק, אז אויב ער וועט אנגרייפן איינע, זאָל די אַנדערע קאָנען אנטלויפן און זיך ראַטעווען. דערנאָך האָב איך געבעטן ביי גאָט שוץ, זאָגנדיק: „גאָט פון אברהם און גאָט פון מיין פאָטער יצחק. מיט מיין שטעקן בין איך איינער אליין אריבער דעם ירדן און איצט בין איך געוואָרן צוויי מחנות; ראַטעווע מיך, איך בעט דיך, פון דער האַנט פון עשו, ווייל איך האָב מורא אז ער קאָן קומען און דערהרגענען מיך, די מוטערס און די קינדער. דו האָסט דאָך געזאָגט „גוטס וועל איך טאָן מיט דיר און איך וועל מאַכן דיינע קינדער ווי זאַמד פונעם ים וואָס קאָן נישט גע־ציילט ווערן".

מיר האָבן איבערגענעכטיקט נעבן טייך, און אין דער פרי האָב איך געפרוווט א ניי מיטל: כ'האָב צוגעגרייט א מתנה

פאר עשו: צוויי הונדערט ציגן און צוואנציק בעק, צוויי הונדערט שעפסן און צוואנציק ווידערס, דרייסיק קעמלען מיט זייערע יונגע, פערציק קי און צען אקסן, צוואנציק אייזלין און צוואנציק אייזלס. דאס אלץ האב איך געטיילט אין סטאדעס און זיי איבערגעגעבן צו קנעכט מיט דעם אנזאג זיי זאלן גיין פארויס, און זיין אפגעטיילט איין סטאדע פון דער אנדערער. יעדער פון די קנעכט האט באקומען א באפעל, אז ווען ער וועט באגעגענען עשון און יענער וועט פרעגן „וועמענס ביזטו, וווהין גייסטו און וועמענס זיינען די סטאדעס?" זאל ער ענטפערן: „איך בין דיין קנעכט יעקבס. און דאס איז א מתנה געשיקט צו מיין האר עשו, און ער אליין גייט אויך הינטער אונדז". דאס זעלבע האט געדארפט ענטפערן יעדער. קנעכט פון יעדער סטאדע.

די מתנה איז געגאנגען מיט דעם אנגעוויזענעם וועג און איך מיטן הויזגעזינד בין געבליבן אין לאגער. ביינאכט בין איך אויפגעשטאנען, האב גענומען רחלן און לאהן, די דינסטן און די עלף קינדער און זיי אריבערגעפירט דעם טייך יבוק. דערנאך האב איך אריבערגעפירט אלעם אנדערע.

ווען עס האט אנגעהויבן טאגן און די זון איז אויפגעגאנגען, בין איך געשטאנען אויף דער וואך. איך הויב אויף מיינע אויגן און זע עשו קומט און פיר הונדערט מאן מיט אים. אויף גיך האב איך צעטיילט מיין הויזגעזינד: די קינדער איבערגעגעבן די מוטערס און געשטעלט זיי אין רייעס. צוערשט די דינסטן מיט זייערע קינדער, דערנאך לאה מיט אירע קינדער הינטער זיי, און צולעצט רחל מיט יוסף. איך אליין האב זיך געשטעלט פאראויס און זיך געבוקט זיבן מאל ביז איך בין צוגעקומען צו מיין ברודער.

עשו איז געבליבן גערירט פון דעם. ער איז צו מיר צוגעלאפן, מיך ארומגענומען, געהאלדזט און געקושט, און מיר האבן ביידע געוויינט. דערנאך האט ער אויפגעהויבן די אויגן און דערזען די ווייבער און קינדער, און געפרעגט:

— ווער זיינען זיי, דידאזיקע ביי דיר?

— דאס זיינען די קינדער מיט וועלכע גאט האט באגליקט דיין קנעכט — האב איך געענטפערט.

עס האבן זיך באלד דערנעענטערט זלפה און בלהה מיט זייערע קינדער, דערנאך לאה מיט אירע קינדער און זיך געבוקט. און צולעצט האט זיך דערנעענטערט רחל מיט יוסף און זיך געבוקט.

— און ווער איז געווען די גאנצע מחנה וואס איך האב באגעגנט? — האט מיין ברודער געפרעגט.

— צו געפינען חן אין די אויגן פון מיין האר — האב איך געענטפערט.

מיין ברודער האט א מאך געטאן מיט דער האנט און געזאגט: — „איך האב גענוג, ברודער מיינער. דאס וואס איז דיינס זאל בליבן ביי דיר".

נאך א לאנגן בעטן ביי אים האט עשו איינגעוויליקט אנצונעמען די מתנה. ער האט מיר פארגעשלאגן מיר זאלן זיך לא־

זן צוזאַמען אין וועג, אָבער איך האָב אים דערקלערט, אַז ביי מיר זיינען די קינדער יונג, אַ סך פון די שאָף און רינדער זייגנדיקע און איך מוז גיין לאַנגזאַם, נאָך די טריט פון די קינדער, נאָך די טריט פון די שאָף.

מיר האָבן זיך געזעגנט און עשו איז אַוועק צוריק קיין שעיר און איך האָב זיך געלאָזט אויפן וועג צום אָרט סוכות. דאָ האָב איך געבויט אַ הויז פאַר מיר און ביידלעך פאַר די שאָף. שפּעטער זיינען מיר אַוועק קיין שכם און אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד אויסער דער שטאָט און מיר האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

די מענטשן פון יענעם געגנט, די חיווים, זיינען געווען רויקע און פרידלעכע און מיר האָבן געלעבט אין גוטער שכנה־שאַפט.

אַ זייער אומאַנגענעמע איבערלעבונג האָבן מיר, צום אומגליק, געהאַט דאָרט גאַנץ אומדערוואַרטעט. מיין טאָכטער דינה איז אין איינעם אַ טאָג געגאַנגען שפּאַצירן. זי האָט זיך גע־וואָלט באַקענען מיט די איינוווינער פון דער שטאָט שכם און איז אַוועק אַהין גאַנץ אַליין.

געווען איז דינה, לאָהס טאָכטער, יונג און שיין, און ווען זי איז געקומען אין שטאָט, האָט זי דערזען דער זון פון דאָר־טיקן פירשט חמור און ער האָט זי גענומען אין זיין פּאַטערס הויז און זי געפּייניקט, און געהאַלטן זי פאַרשפּאַרט אין זעלבן הויז. מיר האָבן פון גאַרנישט געוווּסט.

שפּעטער איז געקומען דער פירשט חמור און געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל געבן דינהן פאַר אַ ווייב פאַר זיין זון שכם, און דערציילט וואָס ס'איז געשען. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן אייביקע פריינטשאַפט.

ס'זיינען דערביי געווען עטלעכע פון מיינע זין און זיי האָבן געזאָגט, אַז מיר עברים קאָנען נישט אָוועקגעבן אַ טאָכ־טער צו נישט־געמאַלעטע. חמור דער פירשט איז באַשטאַנען אַז ער און זיין זון שכם און אַלע מענער פון שטאָט זאָלן דורכמאַכן די מילה, און ווען דאָס איז געטון געוואָרן און די מענער זיינען געלעגן אין די בעטן, האָבן שמעון און לוי דורכגעפירט אַ שחי־טה איבער זיי אַלס נקמה פאַר דער פּייניקונג פון זייער שוועס־טער. דאָס האָט מיר זייער וויי געטון און איך האָב זיי געזאָגט: „איר האָט מיך פאַרומגליקט. איר האָט מיין הויזגעזינד געמאַכט פאַרמיאוסט ביי די איינוווינער פון לאַנד, די כנענים און פרי־זים. מיר זיינען אַ הייפל מענטשן און זיי קאָנען זיך צוזאַמענגע־מען און מיך טויטן און דאָס גאַנצע הויזגעזינד פאַרטיליקן". זיי האָבן אָבער געענטפערט, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשווייגן דאָס אומרעכט וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן זייער שוועס־טער דינה, און זיי האָבן זי געוואָלט באַפרייען פון שכמס הויז.

ווידעראַמאָל האָט זיך באַוויזן גאָט צו מיר און געזאָגט: „גיי קיין בית אל. דיין נאָמען וועט פון איצט אָן נישט זיין מער יעקב, נאָר י ש ר א ל וועסטו הייסן. אַ פאָלק וועט פון דיר ווערן, און דאָס לאַנד וואָס איך האָב געגעבן צו אברהם און יצ־חק וועט זיין דאָס לאַנד פון דיינע קינדער"".

— 8 —

רחל שטארבט אויפן וועג

ווי איך האב אייך שוין דערציילט — האט יעקב וויי־טער געזאגט — איז בית אל געווען יענער פלאץ ווו איך האב גענעכטיקט ווען איך בין געגאנגען קיין פדן ארם און געזען דארט די לייטער אויף וועלכער מלאכים זיינען געגאנגען. נעבן בית אל איז אלון בכות איז באגראבן געווארן הינטער א בוים, די אם פון מיין מוטער רבקה.

שווער איז געווארן דער וואנדער וועג און שווער דאס לעבן, אבער כ'האב געהאפט אויף בעסערע יארן, ווייסנדיק, אז גאט איז מיט מיר. ס'איז מיר אויסגעקומען איינמאל צו קעמפן מיט א מלאך און איך האב אים באזיגט.

מיר זיינען געקומען קיין בית אל און דארט געטראפן די זייל פון יענעם שטיין אויף וועלכן איך בין געשלאפן. כ'האב אויפגעשטעלט א מזבח און געדאנקט גאט פאר די חסדים (גוטס־קייט) וואס ער האט געטון מיט מיר.

פון דארט האבן מיר זיך געלאזט אין ווייטערדיקן וועג. קיינער פון די פעלקער האט אונדז נישט געטשעפעט, און אונדזער וועג איז מיט גארנישט געשטערט געווארן.

דא, אויפן וועג האט רחל באקומען געבורט ווייען און מיר האבן זיך געמוזט אפשטעלן. די ווייען זיינען געווען זייער שווע־רע און ווען די הייב אם האט אפגענומען דאס געבוירענע קינד, האט רחל קוים ארויסגעזאגט דאס ווארט „בן אוני" און באלד האט זי אויסגעהויכט די נשמה. מיר האבן זיך געפונען דעמאלס א שטיק וועגס פאר אפרת (בית לחם) און איך האב זי דארט באהאלטן ביים וועג, און געשטעלט א מצבה אויף איר קבר. דאס קינד וואס זי האט געבוירן האב איך גערופן בנימין. דאס איז אייער פאטער — האט יעקב זיך געווענדט צו בנימינס קינדער, וואס האבן זיך נעבן אים געפונען.

דערנאך בין איך מיטן גאנצן הויזגעזינד געקומען קיין ממרה (מאמרע) אין כנען, צום הויז פון מיינע עלטערן. די מו־טער האט שוין נישט געלעבט און דער פאטער איז געווען שוין זייער אלט. אין עלטער פון הונדערט און אכציק יאר איז ער געשטארבן און איך מיט עשו האבן אים באגראבן אין דער מערת המכפלה (מארעס האמאכפײלע).

געבליבן זיינען מיר שוין אין כנען אין הויז פון מיין פא־טער, אויף די פעלדער פון מיין זיידע אברהם.

די זין מיינע, און זייערע קינדער, האבן זיך אפגעגעבן מיט פאשען די שאף און רינדער, אייזלען און קעמלען. יוסף פלעגט פון צייט צו צייט ארויסגיין אין פעלד צו די ברידער. אבער מיסטנס איז ער געווען נעבן מיר אין שטוב. אין עלטער פון 17 יאר איז ער פלוצים פארשוואונדן געווארן. אבער דאס רעשט, קינ־דער ווייסט איר דאך שוין אליין.

— ניין, ניין זיידע — האבן אלע זיך אפגערופן. — דער־ציילט ווייטער.

— נו, גוט — האט יעקב געזאגט און ווייטער דערציילט:

איינמאָל האָב איך געשיקט יוסף צו די ברידער, זאָגנדיק אים: דיינע ברידער פּיטערן דאָר אין שכם, גיי, זע וואָס מאַכן דיינע ברידער און די שאָף, און ברענג מיר אַן ענטפער". ער איז אַוועק אין טאָל פון חברון און נישט געטראָפן די ברידער אין געגנט פון שכם. אַ מאַן וואָס האָט געזען יוספן האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט געהערט די ברידער זאָגן „לאָמיר גיין קיין דותן". יוסף איז אַוועק אַהין, און געזען פון ווייטן די טשערעדעס. די ברידער האָבן באַלד אויך אים געזען קומען און זיי האָבן געטראַכט אים צו הרגענען. זיי האָבן באַשטימט אַריינצוואַרפן אים אין אַ טיפן גרוב און ער זאָל דאָרט אומקומען פון הונגער און דורשט, אָדער פון ווילדע חיות צעריסן ווערן.

ווען יוסף איז צוגעקומען האָבן די ברידער אָראָפּגעריסן דאָס זיידענע העמדל פון אים, אַ געשטרייפט העמדל וואָס איך האָב אים געקויפט, און זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ ליידיקן גרוב. זיי האָבן זיך געזעצט דערנאָך עסן, אָבער אומרויק זיינען זיי געווען.. באַלד האָבן זיי דערזען אָנקומען אַ קאַראַוואַנע ישמעאלים אויפן וועג, מיט קעמלען באַלאָדענע מיט געווירץ. יהודה האָט געזאָגט צו די ברידער: „וואָס וועט אַרויסקומען ווען מיר וועלן דערהרגענען אונדזער ברודער? פאַרוואָס זאָלן מיר פאַרגיסן זיין בלוט? לאָמיר בעסער אים פאַרקויפן צו די ישמעאלים. ער איז דאָך אונדזער ברודער, אונדזער פלייש און בלוט". אַלע זיינען באַשטאַנען אויף דעם און מען האָט יוספן אַרויסגענומען פון גרוב און אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים פאַר צוואַנציק זילבער־שטיק.

— ווער האָט דיר דאָס אַלעס דערציילט? — האָט געפרעגט יוספס עלטערער זון, מנשה.

— דאָס האָבן מיר מיינע זין דערציילט ערשט דאַמאָלס, ווען דיין פאָטער האָט זיך געגעבן צו דערקענען צו זיי, ווען זיי האָבן מיטגעבראַכט בנימין ביים צווייטן מאָל קויפן תבואה. ערשט דעמאָלט בין איך געוואָר געוואָרן פון באַגאַנגענעם פאַרברעכן. אָבער לאָמיר דערציילן דעם סוף.

ראובן האָט נישט געוווּסט פון דעם אַז יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן. ער איז געזעסן אין יענעם מאָמענט אַוועקגעגאַנגען און געטראַכט אַליין אַרויסצוראַטעווען זיין ברודער פון גרוב. אָבער ווען ער איז געקומען שפּעטער אַרויסצונעמען יוספן, האָט ער געטראָפן דעם גרוב ליידיק. ער האָט זיך פאַר ווייטיק צעשריגן און צעוויינט און צעריסן די קליידער אויף זיך, און ווען ער איז צוגעקומען צו די ברידער האָט ער געזאָגט מיט שרעק: „זעט, דאָס יינגל איז נישטאָ, און ווו זאָל איך מיך אַהינטון?"

ראובן וואָס איז געווען דער עלטסטער זון האָט זיך געהאַלטן פאַרן הויפּט פאַראַנטוואָרטלעכן. און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן. די ברידער האָבן אים אָבער געטרייסט און געזאָגט אַז יוסף לעבט, אַז מען האָט אים פאַרקויפט צו אַ קאַראַוואַנע וואָס איז אָנגעקומען אויפן וועג קיין מצרים.

ס'איז איצט געבליבן די פראַגע וואָס צו זאָגן מיר און ס'איז ביי אַ באַראַטונג באַשלאָסן געוואָרן צו שעכטן אַ ציגנבאָק

און איינטונקען דאס געשטרייפטע העמדל אין בלוט און עס מיר צושיקן, איך זאל עס דערקענען.

— דאס אלעס, זיידע, האט מען דיר דערציילט? אלעס? — האט אפרים איבערגעריסן.

— יא, קינדער, פון דעם אלעס בין איך געוואר געווארן. יהודה אליין האט עס מיר דערציילט, ווען יוסף האט געשיקט וועגענער, אז מיר זאלן קומען אהער. אבער הערט ווייטער, ליבע קינדער.

כ'האב דאס העמדל באלד דערקאנט און מיך צעשריגן: „מיין זונס העמדל: א בייזע חיה האט אים אויפגעגעסן; פאר־צוקט געווארן איז יוסף!" כ'האב צעריסן מיינע קליידער און כ'האב אנגעטון א זאק אויף די לענדן. כ'האב געוויינט און גע־טרויערט. געטרויערט און געוויינט. מיינע זין האבן געפרווט מיך טרייסטן, אבער אומזיסט. דאס אומגליק מיט מיין רחלס זון האט געבראכט אין מיר אן אייביקן טרויער. דאס איז געווען א שווערער קלאפ פאר מיר אויף דער עלטער, און איך האב מיך נישט געקאנט טרייסטן.

די ישמעאלים, ווי איר ווייסט האבן געבראכט יוסף קיין מצרים און אים פארקויפט צו פוטיפר, און נאכן אפזיין א קורצע צייט דארט האט מען דורך א בילבול אים פארשפארט. אבער גאט, דער אל שדי, האט אים געהאלפן ארויסקומען פון טורמע און ער איז געווארן דורך פרעה א שני למלך. דורך אים איז גע־ראטעוועט געווארן פון הונגער דאס פאלק פון מצרים און אויך מיר אין כנען.

איר, מיינע ליבע קינדער מנשה און אפרים זענט פרינצן און דאך זענט איר געבליבן געטריי צו אייער פאטערס משפחה און צו אייער אלטן זיידע. איר זענט געבליבן קינדער פון עברישן שטאם.

יעקב האט א טיפן זיפץ געטון און געזאגט: „א שאד, א שאד וואס רחל, אייער באבע, לעבט שוין נישט מער. נישט בא־שערט געווען איר צו דערלעבן דעם דאזיקן נחת". דערנאך האט ער צוגעגעבן:

„דאס איז אלץ, מיינע טייערע קינדער. שווער איז געווען דאס לעבן מיינס, אבער איך האב עפעס דערגרייכט. ס'איז אויס־געוואקסן פון ישראל א גרויסע, גרויסע משפחה. און פון איר וועט אויסוואקסן דאס פאלק ישראל, ווי דאס האט מיר צוגעזאגט דער גאט פון אברהם און פון מיין פאטער יצחק. פון אייך, קינדער וועט דארפן ארויסקומען א גרויס פאלק".

(סוף)

II

דאָס לעבן פֿון יוסף

—1—

דער טאטע מיט די קינדער

פאראנען קינדער וואס זיינען מער צוגעבונדן צו דער מוטער. ווען זיי ווילן עפעס, ווען זיי דארפן עפעס, קומען זיי אן בלויז צו דער מאמען. פארן טאטן האט מען דרך ארץ און אפילו מורא, און צו דער מאמען האט מען צוטרוי, און מען פילט זיך מער נאענט. גאנץ אנדערש איז עס געווען ביי מנשה און אפרים — די צוויי זין פון יוסף, דעם שני למלך פון מצרים. זיי האבן געפילט צום פאטער דיזעלבע נאענטקייט און ליבע פונקט ווי צו זייער מוטער אסנת (אסנאט).

יוספס פרוי אסנת איז געווען א גוט־דערצויגענע טאכטער פון א מיצרישן גייסטלעכן און געהאט אויך א העכערע בילדונג. דאך האט זי געהאלטן איר מאן דעם עברי פאר גייסטיק העכער און געלאזט פאר אים אין גאנצן די דערציונג פון די קינדער. אסנת האט געוווסט פון די ליידן וואס יוסף האט געהאט אויסצושטיין אין זיין לעבן, איז זי געווען גליקלעך צו זען ווי ער געניסט איצט פון פולער פרייד נעבן איר מיט די קינדער. זי האט אפילו אים געבעטן, ער זאל זי פון צייט צו צייט לערנען זיין שפראך: כנענית־עברית, אבער די רעגירונגס ארבעט האט ביי אים שטארק פארשלונגען די צייט און ער האט זי אויסגעלערנט קוים א פאר ווערטער. מיט די קינדער איז געווען שוין אן אנדער זאך. ווען מנשה, דער עלטערער זון, האט אנגעהויבן ווייזן סימנים פון ריידן, האט יוסף ביים שפילן זיך מיטן קינד געלערנט אים זאגן אבא (טאטע) און שפעטער האט ער אים צוזאמען מיט די מיצרישע ווערטער געלערנט אויך העברעישע. דאסזעלבע איז געווען מיטן יינגערן זון אפרים. די מוטער האט עס אויפגענומען מיט צופרידנקייט און געקוואלן פאר פרייד.

יוסף איז געווען דער איינציקער עברי אין מצרים, און כאטשע ער איז געווען שני למלך (וויצע קעניג) און געהאט די פולסטע רעגירונגס מאכט און געהאט ארום זיך שטענדיק מענטשן אלערליי, האט ער אפט זיך געפילט עלנט און נישט איינמאל געוויינט פארבארגענערהייט אז קיינער זאל נישט זען. ווען אסנת האט געזען אים א טרויעריקן, א שווייגנדיקן, האט זי אים געפרעגט וואס ס'איז מיט אים. און ער האט געזאגט דעם אמת. אז עס בענקט זיך אים און ער וואלט זייער געוואלט זען זיין פאטער און זיינע ברידער.

ער האט אבער נישט געקאנט אונטערנעמען קיין רייזע, ווייל ס'איז געווען א צייט פון אנגעשטרענגטער און אומויפהערלעכער ארבעט ביים אנפירן דאס אויסבויען פון שייערן פאר די תבואות אין די זיבן זאטע יארן. און דערנאך אנפירן דאס ארויסטיילן די תבואה אין די הונגער יארן. אויסער דעם האט ער ביי זיך אין גע־

חיים געטראכט: ווער ווייסט צי דער אלטער פאטער לעבט נאך דארט אין חברון און ווער ווייסט צי זיינען די ברידער נישט געבליבן נאך אלץ אין שנאה צו אים, און עס קאן זיין, אז ווען ער וועט זיך באווייזן דארט און דער פאטער וועט געוויר ווערן דעם אמת, קאן עס קומען צו א ביטערן פאמיליע־מחלוקת. איז ער געבליבן אן עלנטער אין מצרים און געפונען איצט א טרייסט אין די קינדער. ער האט זיי געלערנט עברית און האט זיי דערציילט וועגן דעם נאמען פון זיינע אבות, און דורך דעם זיי געהאלטן נאענט צו געבונדן צו זיך.

ווען מנשה און אפרים זיינען עלטער געווארן, האבן זיי געהאלפן דעם פאטער אין דער מלוכה־ארבעט. זיי האבן געמאכט פארצייכענונגען, האבן דורכגעפירט שליחותן און אויסגעפירט אלע אנווייזונגען פונעם פאטער. זייער שפראך אין געווען מיצריש אבער זיי האבן מיטן פאטער אויך גערעדט עיברית. דאס איז געשען מיסטנס ווען זיי האבן געוואלט איבערגעבן עפעס אז די ארומיקע זאלן נישט פארשטיין.

פאר אסנתן איז נישט געווען שווער אויסצוטראגן דאס ריידן עברית פון אירע קינדער מיטן פאטער. זי האט זייער רעספעקטירט יוספן און ליב געהאט די קינדער. זי האט גוט פארשטאנען אז אויב זיי ריידן נישט מיצריש אין געוויסע מאמענטן דארף עס מסתמא זיין אזוי, און זייער אפט האבן די קינדער און אויך יוסף איר איבערגעגעבן אין וואס עס האט זיך געהאנדלט.

די ארבעט פון יוסף אלס מלוכה־מאן איז געווען זייער אן אנגעשטרענגטע אין דער ערשטער צייט. חוץ דעם אויסארבעטן די פלענער פון אויפשטעלן שייערס אין אלע עקן לאנד אנצוזאמלען די תבואה פון די גערעטענישן, האט ער געדארפט אינזינען האבן דאס אויפמאנען די שטייערן, אויסהאלטן דעם קעניגלעכן הויף, אויפנעמען הויכע געסט. דערנאך אין די הונגער־יארן האט מען געדארפט פירן א קאנטראל איבערן ארויסגעבן די תבואה און אויסרעכענען צי קאן מען עפעס פון דער תבואה פארקויפן אויך קיין אויסלאנד, ווייל דער הונגער האט געהערשט אין אלע ארומיקע לענדער און געגרייכט אויך קיין כנען.

אט אזוי איז יוסף געווען אין שפאן פון דער מלוכה־ארבעט טאג־טעגלעך. אבער אין אוונט האט ער ליב געהאט צו פארברענגען געמיטלעך מיט זיין פרוי און די קינדער אין דער היים.

געווינלעך פלעג יוסף שטענדיק נאכן עסן מיטיק אדער וועטשערע דערציילן פאר זיין פרוי און די קינדער וועגן אלערליי געשעענישן אין זיין מלוכה־ארבעט. ער פלעג איבערגעבן וואס פאר א נייע פארארדענונגען ער האט געגעבן דעם פאלק און וועגן זיינע באזוכן אין פרעהס קעניגלעכן הויף. ווען ס'איז געווען די הונגער צייט, האט ער דערציילט ווי אזוי דאס פאלק האט אוועקגעגעבן פאר תבואה דאס גאנצע געלט, דערנאך האבן זיי אוועקגעגעבן זייערע בהמות, דערנאך זייערע פעלדער אפגעשריבן פאר דער מלוכה, און צולעצט זיך אליין פארדונגען אלס קנעכט. איצט האט דאס לאנד שוין ווידער גוטע גערעטענישן. אויך די ארומיקע לענדער האבן ווידער אייגן ברויט. די לאגע איז נארמאליזירט און די

מלוכה - ארבעט איז מער נישט אזוי אנגעשטרענגט. פאר יוספן איז איצט א נײַ לעבן. ער איז מער נישט איינזאַם. האט דא דעם פאטער און זײַן ברודער בנימין מיט די קינדער. אלעס גייט איצט גוט.

אין איינעם א טאג, ווען אפרים איז שוין געווען א בחור פון 17 יאר און מנשה א יאר עלטער פון אים, האבן זיי, נאך א באַזוך בײַ זייער זיידן יעקב אין גושן, דערציילט דעם פאטער אז דער זיידע האט זיי דערציילט די שווערע איבערלעבונגען וואס ער האט געהאט און זיי האבן געבעטן דעם פאטער אז ער זאל זיי דערציילן אויך זײַנע איבערלעבונגען. די מוטער זייערע האט שוין איינציקע מאל דערציילט אז זייער פאטער איז געווען ארעסטירט און איבער א בילבול אפגעקומען א סך יארן.

— דו האסט דאך תמיד ארויסגעוויזן אינטערעס. אז מיר זאלן וויסן זאכן ווען דײַן נאמען און פון דײַנע אבות אברהם, יצחק און דײַן פאטער. — האט געזאגט מנשה. — וואלטן מיר וועלן זאלסט אונדז אויך דערציילן אלעס, אלעס. ווען דײַן לעבן.

— ביזט גערעכט, קינד מײַנס — האט יוסף געענטפערט — ס'וואלט כדאי געווען זאלסט וויסן אלעס, אבער ס'איז שווער אביסל, איבערדהויפט ווען דו קאנסט שוין מײַן פאטער און מײַנע ברידער.

— פארוואס שווער? — האט אפרים זיך ארײַנגעמישט. — דערצייל אונדז פונקט ווי דער זיידע האט עס געטאן.

— און איך שלאג פאר —האט מנשה געזאגט— אז נישט נאר פאר אונדז, נאר אויך פאר דער מאמע זאלסטו עס דערציילן. זי איז דאך אזא גוטע, און איז אזוי געטרײַ צו אונדז. וועסט אונדז דערציילן אין מיצריש, אז זי זאל פארשטיין.

— מאמע, מאמע! — האט אפרים באלד אויסגעשריגן.

די מוטער איז ארײַנגעקומען און אפרים האט געפרעגט:

— דו וועסט וועלן אז דער טאטע זאל אונז דערציילן אלעס ווען זײַן לעבן, און דו זאלסט עס אויך הערן?

אנשטאט אן ענטפער האט אסנת ארומגענומען איר זון און אים געקושט אין קאפ. יוסף, א גערירטער, איז צוגעגאנגען צו איר און זי געקושט און אויך די קינדער געקושט.

— נו, זאל זײַן אזוי. יעדן אוונט נאכן עסן וועל איך אײַך דערציילן אביסל.

— איך האב באלד געוווסט אז דער טאטע וועט אונדז נאכגעבן — האט געזאגט אפרים.

די מוטער האט אים מיט א צייכן מיט דער האנט געוויזן אז ער זאל מער נישט ריידן.

— 2 —

געבליבן א יתום

דער צווייטער טאג איז געווען זייער א פרײַדיקער פאר יוספן. ער איז אין יענעם טאג געווען בײַ פרעהן און אפגעגעבן א באריכט ווען גוטן גאנג פון נילוס. דער טייך איז ארויס פון די ברעגן און אנגעטרונקען די פעלדער. מען קאן דעריבער דער־

ווארטן, אַז אויך היי־יאָר וועט זיין ווידעראַמאָל אַ גוט נעריעמעניש. פרעה האָט אים איינגעלאַדן צו עסן מיט אים מיטיק און בשעתן עסן, ביי וועלכן ס'זיינען ביינעוועזן הרטומים, האָט ער געלויבט יוסףן און אויך גערעדט מיט סימפּאַטיע וועגן יוסףס פאָטער און זיינע ברידער.

פרעה אַפּעפּי איז געווען אַן אָפּשטאַמער פון די היקסים, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק אַריינגעדרונגען קיין מצרים און פאַרנומען די מלוכה־מאַכט. ער איז געווען אַ שוואַכער הערשער און איז געווען צופרידן, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט איבערצוגעבן די מלוכה פירונג אַ פעיקן מאַן, אַן אויסלענדער. ווען ס'איז געקומען יעקב מיט זיינע זין און דערציילט, אַז זיי גיבן זיך אָפּ מיט פאַשען פי, שאָף, אייזלען און קעמלען — האָט ער עס אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט. זיינען דאָך זיינע אבות, די היקסים, אויך געווען פאַסטוכער! ער האָט דעריבער באַלד געזאָגט יוסףן ער זאָל זיין פאָטער מיט די ברידער געבן דאָס בעסטע פאַשע־לאַנד, און ווען יוסף איז געקומען צו אים מיט באַריכטן, האָט ער שטענדיק געפרעגט וועגן יעקבן מיט זיין הויזגעזינד.

נאָכן באַזוך ביי פרעהן איז יוסף געווען אין זיין אַרבעטס־פּלאַץ אין רעגירונגס הויז און אויפגענומען אַ גרופּע פויערן, וואָס איז פון וויטן דרום געקומען מיט קעמלען צו בעטן זריען פאַר זייערע פעלדער. ער איז אויך געבעטן געוואָרן צו פאַרקלענערן דעם שטייער פאַר די פעלדער, אָבער דאָס האָט ער ניט געקאָנט נאָכגעבן.

אין אוונט איז יוסף ווידער געווען אין זיין היים און נאָך דער וועטשערע איז ער נאָכגעקומען די ביטע פון זיינע קינדער און פאַר זיי און זייער מוטער אָנגעהויבן דערציילן זיינע איבערלעבונגען.

איך געדענק מיך נאָך אַלס קליין קינד — האָט ער געזאָגט. ווען איך בין אַלט געווען דריי פיר יאָר בין איך מיט מיין מוטער רחל אָפט געווען אויף דער פאַשע אין יענעם וויטן לאַנד פּדן ארם, וווּ מיין פאָטער מיט די קנעכט האָבן געפאַשעט די שאָף, רינדער, קעמלען און אייזלען. ווען מיין פאָטער האָט דערזען מיין מוטער מיט מיר, איז ער אונדז אַקעגנגעגאַנגען און באַלד מיך אויפגעהויבן און געטראָגן אויף זיינע הענט. ווען איך בין אַביסל עלטער געוואָרן, האָט ער איינמאָל אין אַן אוונט מיר געזאָגט: „זעסט דעם הימל, דאָרט געפינט זיך גאָט, דער גאָט פון מיין זיידן אברהם און פון מיין פאָטער יצחק. דו זעסט אין הימל בלויז די זון בייטאָג און די לבנה און שטערן ביינאַכט, אָבער גאָט זעסטו נישט. ער און זיינע מלאָכים טוען אַכטונג, אַז ס'זאָל אונדז קיין שלעכטס נישט געשען".

פון צייט צו צייט האָט מיין פאָטער מיך אויפגעזעצט רייטן אויף אַן אייזל און דערביי מיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט. איך בין אַזוי געריטן אַ שטיק וועגס איבער דער פאַשע און די גאַנצע צייט איז מיין מוטער מיטגעגאַנגען פון הינטן.

טאַטע־מאַמע האָבן מיך זייער ליב געהאַט אין געטון

אלץ, צו פֿאַרשאַפֿן מיר פֿרייד. מיין פֿאַטער האָט זיך מיט מיר
אָפּגעגעבן אַ סך מער ווי מיט די אַנדערע קינדער און פּונקט
אַזוי האָבן זיך מיט מיר אויך אָפּגעגעבן די קנעכט און דינסטן
פֿון מיין זיידע לבן.

ווען איך בין אַלט געווען זעקס יאָר, איז מיין פֿאַטער,
די מוטער מיינע, די מומע לאה און אַלע קנעכט און דינסטן,
אַנטלאָפֿן פֿון חרן, ווייל מיין זיידע, דער מוטערס פֿאַטער, לבן,
האָט אין געהיים געפּלאַנט צוצונעמען אַלץ ביי מיין פֿאַטער.
מיר זיינען אַוועק אין איילעניש, אָבער נאָך דעם מאַרש פֿון עט־
לעכע טעג, האָט אָנגעיאָגט דער זיידע לבן און פֿאַרפֿירט אַ קריי־
געריי מיט מיין פֿאַטער, נאָר באַלד זיך איבערגעבעטן. ווידער־
אַמאָל האָבן מיר זיך געלאָזט אין מאַרש, און ס'איז באַלד גע־
קומען צו אַ צוזאַמענטרעף מיט מיין פֿעטער עשו, מיין פֿאָטערס
עלטערער ברודער. מיר אַלע האָבן זיך געבוקט פֿאַר אים. אויך
מיין מוטער, פֿירנדיק מיך ביי דער האַנט, האָט זיך געבוקט און
אויך איך. דער פֿאַטער מיינער האָט צולעצט זיך צעקושט מיט
זיין ברודער, און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען. עס האָט נישט
לאַנג געדויערט, האָט מיין מוטער אָנגעהויבן שטאַרק קרעכצן
און שרייען פֿון ווייטיק. איך בין געווען נעבן איר און זי האָט
מיך געגלעט. מיט אַמאָל האָט זי זיך געלייגט אויף דער ערד
און געטון אַ שרעקלעכן געשריי. ס'איז צוגעקומען דער פֿאַטער
און אַנדערע מענטשן. מיך האָט מען צוגענומען פֿון איר און
איך האָב מיך צעוויינט שרייענדיק: „מאַ־מע, מאַמע; מאַמע איך
וויל צו דיר". ס'איז באַלד שטיל געוואָרן. אין יענעם מאָמענט
איז געבוירן געוואָרן מיין יינגערער ברודער בנימין און מיין מו־
טער איז געשטאָרבן אין ווייטיק. אַלע האָבן געבויגן די קעפּ און
געוויינט.

דער פֿאַטער מיינער און אייניקע קנעכט האָבן אין וועג
געעפֿנט אַ גרוב און דאָרט באַהאַלטן מיין מוטער און געשטעלט
אַ שטיין אויפֿן קבר.

„איך לאָז דיך דאָ, רחל, האָט מיין פֿאַטער געזאָגט. —
זאָלסט זיין אַ בעטערין פֿאַר דיינע קינדער".

דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט אין ווייטערן וועג. דער
פֿאַטער האָט מיך גענומען נעבן זיך, זאָגנדיק: „האָסט שוין ניט
קיין מאַמע, יוסף, האַלט דיך איצט דאָ נעבן מיר". דערנאָך האָט
ער מיך איבערגעגעבן צו בלהה, די געוועזענע דינסט פֿון מיין
מוטער, און זי האָט מיך דערצויגן, אַרויסווייזנדיק גרויס צערט־
לעכקייט צו מיר.

מיר זיינען געגאַנגען לאַנג, לאַנג, ביז מיר זיינען געקו־
מען אין הויז פֿון מיין זיידן יצחק.

— דערציייל, דערצייל, טאַטע — האָט אפֿרים איבערגע־
ריסן מיט אַנטציקונג — אויך דער זיידע יעקב האָט ווען דעם
דערציילט. ס'איז דאָך אַזוי אינטערעסאַנט צו הערן עס נאָך
אַמאָל.

— אָבער קינד, האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט.
שטער נישט דעם פֿאַטער, רייס נישט איבער.

נו, יאָ — האָט יוסף געזאָגט אַ צופרידענער מיט דעם, וואָס זיינע קינדער האָבן אינטערעס פאַר דער זאַך — אָט וועט איר הערן ווייטער.

מיין פאָטער האָט מיך זייער ליב געהאַט, מער פון אַלע זיינע קינדער, אפילו מער פון בנימינען. ער האָט מיך געהאַלטן נעבן זיך און נישט געשיקט אויף דער פאַשע צוזאַמען מיט די אַנדערע ברידער. דאָס האָט געשאַפן אַ קנאה און אַ שנאה פון די ברידער צו מיר. אין אַ גרויסער מאָס האָב איך אַליין די שנאה צו מיר געבראַכט אויף זיך, ווייל איך האָב זיך געגרויסט קעגן מיינע ברידער, און זיי אין געדאַנק באַטראַכט ווי נידעריקער פון מיר.

איין מאָל האָט דער פאָטער מיר געמאַכט אַ זיידן געשטרייפט העמדל אַלס מתנה צו מיין געבורטסטאָג. ביים געבן מיר דאָס העמדל האָט ער געזאָגט: זע, מיין קינד. דאָס העמדל איז פון דער בעסטער סחורה. איך גיב עס דיר מיט הנאה און פרייד. זאָל דער היינטיקער טאָג בלייבן אין אָנדענק פאַר דיר און זאָלסט עס נישט פאַרגעסן. ווען דו וועסט זיין גרויס זאָלסטו בלייבן מיט דיין קינדיש האַרץ ווי עס פאַסט פאַר אַ זון פון רחל, און ווען דו וועסט זען, אַז עמיץ נויטיקט זיך אין הילף זאָלסטו עס באַלד געבן מיט דער זעלבער הנאה וואָס איך האָב איצט, ביים געבן דיר דאָס דאָזיקע שיינע העמדל".

יוסף איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן און ער האָט אַ זיפץ געטון.

— פאַרוואָס זיפצסטו יוסף? — האָט אסנת געפרעגט.

— דערצייל ווייטער — האָט מנשה געבעטן.

„יענץ העמדל, קינדער מיינע, — האָט יוסף געזאָגט — האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך ווייטיק, מיר און מיין פאָטער. און אויב איך האַלט ביים אָנהויב פון יענע צרות, ווייל איך בעטן, אַז ווען איך וועל אייך דערציילן וועגן דער האַנדלונג פון מיינע ברידער צו מיר זאָלט איר נישט קוקן שלעכט אויף זיי. ס'איז אַלץ אַזוי געשען, ווייל גאָט האָט אַזוי געוואָלט".

— מיר ווייסן שוין אַ סך פון דעם, האָט געזאָגט אפרים. דער זיידע האָט אונדז דערציילט ווי אַזוי די ברידער האָבן אַראָפּגעריסן דאָס העמדל פון דיר און דיך אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב.

— ער האָט אייך אַלץ דערציילט? — האָט זיך געוווּנדערט יוסף.

— יאָ, יאָ, אַלץ — האָט מנשה געזאָגט.

— און פאַר מיר האָסטו עס אינגאַנצן פאַרשוויגן — האָט אסנת געזאָגט, ווי באַטראַפן פון דעם.

— נו, זיי נישט ברוגז, אסנת — האָט יוסף געענטפערט — פאַראַן ביים מענטשן אַמאָל איבערלעבונגען, וואָס דאַרפן בלייבן פאַר אים אַ הייליקער סוד. כ'האָב נישט געוואָלט דערציילן דיר פון דער גרויזאַמקייט קעגן מיר. אָבער, זע, קיין שלעכטס איז פון דעם נישט געוואָרן. דאָס האָט גאָט אַזוי געוואָלט איך זאָל אַרויסגעריסן ווערן פון דער היים און קומען

קיין מצרים און דערהויבן ווערן. ווען איך בין געלעגן אין גרוב עקדישן, אַן דעם העמדל, אַ באַליידיקטער און פאַרשטויסע־נער פון מיינע ברידער, האָב איך מיר זיכער נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער גאָט פון מיין פאָטער וועט מיך אויפריכטן, צו ווערן שני למלך איז מצרים. דאָס, קינדער, מעגט איר אין אכט נעמען און געדענקען אין יעדער צייט פון אַ צרה.

אַלע האָבן געשוויגן אַ מאָמענט און באַלד האָט יוסף זיך אויפגעהויבן.

— ווילסט מער נישט דערציילן? — האָט געפרעגט דער יינגערער זון, אפרים.

— ניין, קינדער, היינט נישט. וואָס איך וויל אייך קינ־דער בעטן, איז דאָס: אַז איר וועט זיין אין גושן ביי מיין פאָ־טער און זען מיינע ברידער, זאָלט איר בלייבן צו זיי מיט דער זעלבער פריינטשאַפט ווי ביז איצט, ווייל דאָס געשעענע איז געווען אַ זאַך פון גאָט און זיי זיינען געווען בלויז שליחים אַזוי צו טון, און ווי איר זעט האָט זיך אַלעס אויסגעלאָזט צום גוטן פאַר אַלע.

— 3 —

ער ווערט פאַרקויפט און קומט קיין מצרים

נישט שטענדיק איז עס ווי אַ מענטש רעכנט אויס. אויפן צווייטן טאָג זיינען געקומען אומגעריכט געסט אין יוספס הויז. דאָס זיינען געווען גייסטלעכע פון מצרים. זיי האָבן געבראַכט אַ קונסט ־אַרבעט אַלס מתנה דעם שני למלך פאַר זיין באַמיען זיך ביי פרעה ער זאָל דערלויבן אויסצובויען אַ נייעם גרויסן טעמפּל פאַרן גאָט רע (רא). יוסף האָט שוין צוזאַמען מיט זיי געגעסן דעם אוונט מאָלצייט און פאַרבראַכט מיט זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס'איז דעריבער ניט מעגלעך געווען אָנצוגיין מיט דער אָנ־געהויבענער דערציילונג. דערפאַר אָבער אין אָוונט פון נעכסטן טאָג, באַלד נאָכן עסן האָט יוסף אָנגעהויבן דערציילן ווייטער זיינע איבערלעבונגען:

דאָס זיידענע געשטרייפטע העמדל, ווי איך האָב אייך גע־זאָגט, האָט געבראַכט גרויסע צרות. די ברידער מיינע האָבן מיך מקנא געווען און געקוקט אויף מיר שלעכט, מיך גערופן מיט חוזק „בן זקונים". די קנעכט און דינסטן האָבן געלויבט דאָס העמדל, האָבן געזאָגט אַז איך זע אויס ווי אַ בן מלך, אַ פּרינץ, און איך האָב מיר טאַקע איינגערעדט אַז איך בין עפּעס מער ווי מיינע ברידער און זיך נעגרויסט קעגן זיי. די דאָזיקע געדאַנקען פון אַ גאַנצן טאָג זיינען אויך געקומען צו מיר אין חלום ביינאַכט. איך האָב איינמאָל געחלומט אַז מיר בינדן גאַרבן אין פעלד, איך און מיינע ברידער, און מיין גאַרב (סנאָפּ פון זאַנגען) האָט זיך אויפ־געהויבן און געבליבן שטיין. אויך די אַנדערע גאַרבן האָבן זיך אויפ־געהויבן, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיינעם און זיך געבוקט צו אים. דעמדאָזיקן חלום האָב איך דערציילט מיינע ברידער און זיי זיינען געוואָרן צאָרנדיק אויף מיר און איינער האָט געזאָגט:

— געוועלטיקן ווילסטו איבער אונדז?

— הערשן וויל ער איבער אונדז — האט געזאגט א צווייטער.
— קעניגן וויל ער איבער אונז? — האט געחוזקט א דריטער.
דערנאך האט זיך מיר געחלומט אז ענליכע זאך: עס האט

מיר געחלומט אז די זון, די לבנה און עלף שטערן בוקן זיך צו מיר. איך האב עס דערציילט פארן פאטער און די ברידער. מיין פאטער האט געוווסט גוט די קנאה און שנאה פון מיינע ברידער צו מיר, האט ער אין קעגנווארט פון מיינע ברידער זיך געבייזערט און ער האט געשריגן אויף מיר:

— „וואס איז עס פאר א חלום וואס עס האט זיך דיר גע־חלומט? זאל איך, דיין מוטער און דיינע ברידער קומען זיך בוקן פאר דיר צו דער ערד? איז דאס מעגלעך אז דיין פארשטארבענע מוטער זאל קומען דאס טאן?"

שפעטער ווען איך בין געווען אליין מיטן פאטער האב איך אים דערמאנט אז אויך אים האט זיך אמאל געחלומט א זעלטענער חלום, אז א לייטער שטייט נעבן אים אויף דער ערד, אנגעשפארט מיטן שפיץ אין הימל און מלאכים גייען ארויף און אראפ אים צו באשיצן. דער פאטער מיינער האט מיר אויסגעטייטשט די זאך און אויפריכטיק געזאגט, אז יענער חלום איז געווען, ווייל ער האט אין זינען געהאט שטענדיק אז גאט איז מיט אים, האט ער דעב געדאנק אויך דורכגעלעבט ביינאכט. און איך גיי ארום שטענדיק מיטן געדאנק פון גרויסקייט, חלומט זיך מיר פון הערשן.

— „דאס איז ווייער נישט קיין שיינע מידה" — האט ער מיר געזאגט.

אין איינעם א טאג, ווען איך בין אלט געווען 17 יאר, האט מיין פאטער מיך געשיקט זען וואס עס טוט זיך אויף דער פאשע. „דיינע ברידער פיטערן אין שכם, האט ער געזאגט, גיי און זע וואס עס הערט זיך דארט, צי איז מקיד צו דיינע ברידער און צו די שאף, און ברענג מיר אן ענטפער". איך בין אוועק פונעם טאל פון חברון און געקומען קיין שכם, אבער נישט געזען אונדזערע משפחעס. איך האב מיך ארומגעקוקט און געזען איינעם א מאן, האב איך אים געפרעגט צי ווייסט ער נישט און צי האט ער ניט

געזען מײַנע ברידער מיט די שאָף. דער מאַן האָט געקוקט אויף מיר, האָט באַוואונדערט מײַן געשטרײַפּט העמדל, און געענטפערט: איך האָב געהערט זיי זאָגן „לאָמיר זיך לאָזן קיין דותן״. איך האָב דעם מאַן געדאַנקט און בין אַוועק קיין דותן. דאָרט האָב איך פון ווײַטן באַלד זיי געזען און אויך זיי האָבן פון ווײַטן געזען מיך קומען.

בײַ אײניקע פון די ברידער האָט זיך באַלד געשאַפן דער געדאַנק מיך צו הרגענען. אײנער האָט אַ זאָג געטאָן: „אָט גייט דער בעל־חלומות. קומט לאָמיר אים הרגענען און אַרײַנוואַרפן אין אײנעם פון די גריבער, און מיר וועלן זאָגן אַז אַ ווילדע חיה האָט אים אויפגעגעסן, און מיר וועלן זען וואָס ס'וועט ווערן פון זײַנע חלומות.

— די האָסט עס אַלײן געהערט? — האָט אסנת געפרעגט.

— נײן. די אַלע אײנצלהײטן האָט מיר דערציילט אײנער פון די ברידער, שמעון, נאָך אײדער איך האָב זיך געלאָזט דערקענען צו אַלע.

ראובן, דער עלצטער זון פון מײַן פאָטער, האָט געוואָלט מיך ראַטעווען. ווען ער האָט געהערט דעם געדאַנק פון אײנעם אַז מען זאָל מיך הרגענען איז ער געוואָרן קעגן. „נײן, ברידער, האָט ער אַ געשריי געטאָן. איר זאָלט ניט פאַרגיסן קײן בלוט. וואַרפט אים אַרײַן אין יענעם גרוב אין דער מידבר, אָבער אַ האַנט זאָלט איר נישט אויסשטרעקן אויף אים״. ער האָט געדענקט מיך מציל צו זײַן און אומקערן צום פאָטער.

ווען איך בין געקומען צו די ברידער, זײַנען צונעקומען שמעון און לוי און אַ ריס געטאָן פון מיר דאָס העמדל, דאָס זײַדענע געשטרײַפטע העמדל, מיך אַ כאַפּ געטאָן בײַ די הענט און געפירט צו דער מידבר. איך האָב מיך געריסן, געשריגן, געוויינט, אָבער אומזיסט. זיי האָבן מיך געבראַכט צו אַ גרוב און אַהין אַרײַנגעוואָרפן. קײן וואַסער איז דאָרט ניט געווען, אָבער עקדישן, יאָ.

די זון האָט געברענט איבער מיר. איך בין געווען הונגעריק און נאָך מער דורשטיק, און האָב פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב נישט צו דערוואַרטן עמיצנס הילף. כ'האָב גערופן צו גאָט, צו אל שדי. דעם גאָט פון אַברהם, פון מײַן זײדע יצחק און פון מײַן פאָטער יעקב, און ער האָט דערהערט מײַן געבעט.

די ברידער האָבן זיך געזעצט עסן, אָבער אַן אָומרו איז געווען אין זייערע הערצער. זיי האָבן איבערגערעדט וועגן מיר, און כאָטש זיי האָבן מיך פײַנט געהאַט איבער מײַן גרויסן זיך קעגן זיי, האָבן זיי נישט געוואָלט איך זאָל אומקומען.

אין דער צייט ווען כ'האָב תפילה געטאָן צו גאָט האָבן די ברידער אַ הויב געטאָן די אויגן און געזען פון ווײַטן אַ קאַראַוואַנע ישמעאלים קומען פון גלעד, מיט קעמלען באַלאָדענע מיט געווירץ און באַלזאַם.

— יאָ, יאָ, יאָ — האָט אפרים אויסגערופן מיט פרייד — דער זיידע יעקב האָט אונדז אויך דערציילט וועגן דעם.

— דער זיידע, קינד מײַנס הייסט איצט ניט מער יעקב — אָט יוסף געזאָגט — ער הייסט ישראל.

— פאַרוואָס האָט ער געביטן דעם נאָמען? — האָט געפרעגט

אסנת·
— נישט ער האט געענדערט דעם נאמען, האט יוסף געענט־
פערט — נאר נאט האט אים געזאגט אז ער זאל זיך רופן ישראל.
— ווי אזוי ה״יסטו דאס? — האט זיך אריינגעמישט מנשה.
— ווייל מיין פאטער האט עס מיר דערציילט ווען ער איז
געקומען קיין מצרים.
— נו, דערצייל ווייטער, יוסף — האט געבעטן אסנת.
ווען די ברידער האבן געזען די קאראוואנע האט יהודה, דער
שטארקסטער און אנגעזעענסטער פון די ברידער געזאגט: „וואס
וועט ארויסקומען ווען מיר וועלן לאזן שטארבן אונדזער ברודער
און מיר וועלן פארדעקן זיין בלוט? קומט און לאמיר אים פאר־
קויפן צו די ישמעאלים, און אונדזער האנט זאל נישט זיין אויף
אים, ווייל א ו נ ד ז ע ר ב ר ו ד ע ר, א ו נ ד ז ע ר
פ ל יי ש א י ז ע ר".
די ברידער האבן אויפגענומען דעם געדאנק פון יהודה מיט
צופרידנקייט. עס האבן זיך אויפגעהויבן עטלעכע, זיינען צוגעקו־
מען צום גריב, מיך ארויסגענומען און צוגעפירט צו דער קארא־
וואנע סוחרים פון מדין, די ישמעאלים, און מיך פארקויפט פאר
צוואנציק זילבערשטיק. די סוחרים האבן מיר געגעבן עסן און איך
בין מיט זיי געגאנגען קיין מצרים.
ראובן איז אין יענעם מאמענט נישט געווען צווישן די ברי־



דער. ער האט זיך אוועקגעדרייט פון זיי מיטן געדאנק מיך ארויס־
צונעמען פונעם גרוב אז דעם ווייסן פון די אנדערע. אבער ווען
ער איז געקומען מיך ארויסנעמען איז ער געבליבן דערשראקן זעענ־
דיק ווי דער גרוב איז ליידיק. ער האט זיך צעוויינט, צעריסן די
קליידער אויף זיך און געשריגן: „וווּ וועל איך מיך אהינטאן? ווי
אזוי וועל איך קאנען ווייזן מיין פנים פארן פאטער?"
שפעטער, ווען ער איז צוגעקומען צו די ברידער האבן זיי אים
דערציילט אז זיי האבן מיך ארויסגענומען און פארקויפט, און איך
בין איצט אויפן וועג צו מצריים.
די ברידער האבן איצט באדארפט טראכטן ווי אזוי אפצונארן
מיין טאטער.
— דער ווידע האט אונדז דערציילט וועגן דעם — האט

אפֿרים געזאָגט. די ברידער האָבן געשאָכטן אַ ציג, איינגעטונקען דאָס העמדל אין בלוט און עס צוגעשיקט דעם זיידע און געלאָזט זאָגן: דאָס האָבן מיר געפֿינען, דערקען צי איז עס דיין זונס העמדל.

אסנת האָט געקוקט מיט אומצופֿרידנקייט אויף איר ייִנגערן זון, פֿאַרוואָס ער רייסט איבער, אָבער זי האָט געשוויגן. און יוסף האָט פֿאַרגעזעצט:

אַזוי איז עס טאַקע געווען, ווי שמעון האָט עס מיר שפּעטער דערציילט. מיין פֿאָטער האָט געוויינט און געקלאָגט, מיינענדיק אַז אַ ווילדע חיה האָט מיך צעריסן. די קינדער האָבן זיך באַמיט אים צו טרייסטן אָבער דאָס האָט נישט געווירקט. ער האָט געזאָגט: „אין טרויער וועל איך נידערן צו מיין זון אין קבר".

צום גליק האָט זיך עס אויסגעלאָזט צום גוטן. די ישמעאלים האָבן מיך געבראַכט קיין מצרים און מיך פֿאַרקויפֿט אַלס קנעכט צום אויבערלייבוועכטער פֿון קעניג פּרעה, אַן אַנגעזעענער באַאַמטער אין קעניגלעכן הויף, מיטן נאָמען פּוטיפֿער.

אַלע האָבן לייכט אויפֿגעאָטעמט הערנדיק וועגן דער רעטונג, און יוסף האָט געזאָגט: איצט וועלן מיר איבעררייסן ביז מאָרגן.

— 4 —

אַריינגעזעצט אין טורמע

ווידעראַמאָל איז געקומען אַן איבעררייס אין יוספֿס דערציילונג. ער איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דרינגנד צום קעניג וועגן אַ באַראַטונג נאָכמיטיק און געבליבן שוין ביז טיף אין אָוונט. אָבער אויפֿן אַנדערן טאָג אין אָוונט נאָכן עסן האָבן אַלע אים געבעטן צו דערציילן ווייטער און ער האָט עס גערן געטון.

—וווּ האַלטן מיר ערגעץ? — האָט ער געפֿרעגט.

—דו האָסט דערציילט אַז מען האָט דיך פֿאַרקויפֿט דאָ אַלס קנעכט — האָט מנשה געזאָגט.

— גוט, האָט יוסף געזאָגט, וועלן מיר גיין ווייטער:

ווען איך בין געקומען קיין מצרים און געזען די גרויסע געביידעס, בין איך געבליבן שטאַרק איבעראַשט. ביז איצט האָב איך אין ערגעץ אַזעלכע בנינים ניט געזען. באַלד ווי איך בין געבראַכט געוואָרן קיין מצרים, האָט מען מיך געפֿירט אויף אַ מאַרקפּלאַץ וווּ די ישמעאלים און אַנדערע אויסלענדער פֿאַרקויפֿן געוויינלעך זייערע סחורות. ס'איז צוגעקומען אַ מאַן, רייך אָנגעטון, און האָט אין מיר באַמערקט אַז איך געהער ניט צו די ישמעאלישע סוחרים. ער האָט געפֿרעגט פֿון וואַנען איך קום און דער סוחר וואָס האָט מיך געקויפֿט, האָט געזאָגט אַז איך בין אַן עברי און ער וויל מיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ קנעכט. דער מאַן האָט געפֿרעגט אַ פּרייז און באַלד טאַקע באַצאָלט און מיך באַפֿרייט פֿון דעם ישמעאלס הענט.

מיין נייער באַלעבאָס איז געווען, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, דער אויבער לייבוועכטער פֿון פּרעה. זיין נאָמען איז געווען פּוטיפֿר.

דאָ אין הויז פֿון פּוטיפֿר איז מיר זייער גוט געגאַנגען. איך האָב באַלד געוווּנען דעם צוטרוי פֿון מיין באַלעבאָס און איך בין ניט געווען קיין קנעכט האַרט, נאָר בין געוואָרן אַן אויפֿזעער אויף

אלעס. די מצרישע שפּראַך האָב איך זייער גיך מיר אויסגעלערנט. אַביסל האָט מיר געהאָלפן דער באַלעבאָס אַליין, אָבער דאָס מייסטע האָב איך געלערנט ביי דער דינערשאַפט. פּוטיפר האָט געהאַט אַ סך פעלדער און געפירט אַ רייך הויז, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ הויכן מלוכה־מאַן און ער האָט מיר איבערגעגעבן די שליסלען פון גאַנצן הויז און די שייערס. די קנעכט און דינסטן זיינען געשטאַנען אין גאַנצן אונטער מיין באַפעל.

גאָט איז געווען מיט מיר און נישט נאָר מיך באַגליקט, נאָר אויך מיין האַר פּוטיפר.

ס'זיינען געקומען די אָנגעזעענסטע פּערזאָנען אין פּוטיפרס הויז און מיין האַר האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי און גערעדט מיט הויכער שעצונג וועגן מיר.

געווען בין איך יונג און שיין, און כאָטש איך בין געווען אַ פרעמדער, אַן עברי — האָבן אַלע געהאַט רעספּעקט און סימפּאַטיע פאַר מיר. מיין האַרס פרוי האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערס גרויסע סימפּאַטיע צו מיר.

זייט איך בין אין הויף פון פּוטיפר געוואָרן אויפזעער און אָנפירער פון זיינע גיטער, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסטיילן פאַר דער פרוי פון מיין האַר אַלעס וואָס זי האָט געדאַרפט. מיר האָבן אויך געהאַט אָפטע שמועסן איבער הויף־ענינים, און זי האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס מיך צו ליבן, כּדי אין דער קעגנוואַרט פון די קנעכט און דינסט וועלן זיי מיט זיינע געווען געטראַכט.

איך בין געווען יונג און האָב באמת אַרויסגערופן אויפזען צו מיר דורך מיין קליידונג און מיין פּוצן זיך. איך פלעג מיר קרייזלען די האָר און באַנוצט שמעקעדיקע בוימלען ביים קעמען מיך, און די פרוי פון פּוטיפר האָט מיר ניט איינמאָל געזאָגט „ווי שיין דו ביזט היינט עברי". איך האָב דערביי אַ שמייכל געטון און געשוויגן.

איינמאָל אָבער אין אַ פּאַרמיטיק, ווען קיינער איז ניט געווען אין הויז חוץ מיר און מיין האַרס פרוי, האָט זי מיך צוגערעדט איך זאָל זינדיקן. איך בין געבליבן דערשראָקן און האָב געמאַכט אַ פּאָר טריט צוריק און באַלד בין איך אַרויס. דעם האַר האָב איך גאָרניט דערציילט. אַ צווייט מאָל איז זי ווידעראַמאָל צוגעקומען צו מיר און מיך צוגערעדט צו זינדיקן. איך האָב איר געענטפערט: „זע, דו ווייסט ניט נעבן מיר וואָס אין הויז טוט זיך. אַלץ וואָס מיין האַר האָט ער איבערגעגעבן אין מיין האַנט. ער איז אין דעם דאָזיקן הויז זיכער מיט מיין גוטער אויפירונג. ווי אַזוי זשע קען איך טון דאָס דאָזיקע בייז און זינדיקן צו גאָט און מיין האַר?"

— דאָס איז געווען זייער מיאוס פון איר זייט — האָט אסנת געזאָגט.

דאָס האָב איך אויך געזאָגט, אָבער זי האָט געזאָגט, אַז איר וואָרט דאַרף זיין ביי מיר גרעסער ווי דאָס וואָרט פון איר מאַן.

זעענדיק אַז זי דערנענטערט זיך צו מיר, האָב איך מיך אויפגעהויבן און געלאָזט זיך צו דער טיר. זי איז אָבער שנעל צוגעשפּרונגען, האָט מיך אַ כאַפּ געטון ביים רעקל. איך האָב עס אויף ... אויסגעטאָן און אַנטלאָפן, לאָזנדיק דאָס רעקל אין אירע הענט.

— דו ביסט שטענדיק געווען אַן אײדעלער מאַן, מײַן יוסף — האָט אסנת געזאָגט.

עס האָט געהערשט אַ מנוחה שטילשווייגן און די קינדער האָבן געקוקט מיט שמאלץ אויף זייער מאַמע־מאַמע.

— און וואָס איז געווען ווייטער? — האָט אפרים געפרעגט.

— זי האָט דעם מלבוש געלייגט אויפן בעט. און געעפנט די טיר און געמאַכט אַ אַליאַרם. אויף איר געשריי זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן די קנעכט און דינסטן און זי האָט זיי געזאָגט: „זעט, מיין מאַן האָט מיר געבראַכט אַ מאַן אַן עברי און ער האָט מיך באַליידיקט און געוואָלט שלעכטס טון. איך האָב אָבער געמאַכט אַ גוואַלד איז ער אַנטלאָפן און געלאָזט זיין מלבוש ביי מיר".

— ווי אַזוי האָט געהייסן די דאָזיקע אומווירדיקע פרוי? — האָט געפרעגט אסנת.

— זי האָט געהייסן זליכה — האָט יוסף געענטפערט — און געווען איז זי אַ פאַרדאַרבענע, און צו דער דינערשאַפט זייער שלעכט.

— און וואָס האָט געזאָגט דער באַלעבאָס? — האָט געפרעגט אפרים.

ווען פוטיפר איז געקומען — האָט יוסף פאַרגעזעצט — האָט זליכה זיך צעוויינט בלומרשט און דערציילט דאָס זעלבע, וואָס זי האָט געזאָגט דער דינערשאַפט, אַז איך האָב זי באַליידיקט. פוטיפר האָט איר געגלויבט און געטרייסט זיין ווייב: „באַרויק זיך זליכה; דעם עברי וועל איך לאָזן אָפּקומען פאַר זיין וועלן חוזק פון אונדז".

דאַמאָלסט בין איך אַלט געווען 18 יאָר. כ'האָב מיר אין יענעם שווערן מאָמענט געטראַכט, אַז דער בלבול אויף מיר איז אַפּשר אַ שטראָף פון גאָט דערפאַר, ווייל כ'האָב מיך אָפּגעגעבן מיט ווילטאַג אין פרעמדן לאַנד, אין דער צייט, ווען מיין פאָטער איז געווען אין טיפן טרויער אין דער היים.

מיין פאַרענטפערן זיך האָט ניט געהאָלפן. מיין געוועזענער האַר, וואָס האָט ביז איצט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי צו מיר און מיך געמאַכט פאַרן פולשטענדיקן אָנפירער פון זיין הויז און זיינע גיטער, האָט מיך געלאָזט פאַרשפאַרן אין אַרעסט.

פוטיפר האָט מיך געשטעלט פאַר אַ געריכט אונטער דער קלאַגע צו האָבן באַליידיקט זיין פרוי.

— ווי קומט עס, האָט איז ריכטער געפרעגט, וואָס דו, אַזאַ יונגער מענטש, אַן אויסלענדער, זאָלסט וואַגן אַזאַ זאַך אין הויז פון דיין האַר וועלכער האָט דיך געהאַלטן אין כבוד ווי אַן איי־גענעם?

— איך שווער ביי גאָט און ביי מיין לעבן, אַז כ'בין אומ־שולדיק — האָב איך געענטפערט — און דאָס וואָס די פרוי פון פוטיפר האָט דערקלערט איז נישט אמת.

איינער פון די ריכטער האָט עפּעס געזאָגט שטיל די אַנדערע ריכטער און ווייזט אויס, אַז ער האָט מיר געגלויבט גיכער ווי פּו־טיפרס פרוי, אָבער אויס דרך ארץ צו מיין האַר, וועלכער איז גע־ווען אַ הויכער באַאַמטער אין פרעהס הויף, האָט מען מיך פאַר־

מישפט צו ארעסט.
— אויף לאנג? — האט מנשה נעפרעגט.
— אויף אן אומבאשטימטער צייט — האט יוסף געענטפערט
און דערציילט ווייטער:
נאך דריי חדשים זיצן אין תפיסה איז געקומען זליכה, זיך
געשטעלט ביי דער טיר פון מיין קעמערל און געזאגט: „עברי, ווען
די ווילסט קאנסטו ארויס פריי", אבער איך האב מיר פארשטעלט
דאס פנים און געזאגט: „אוועק פון דאנען: גיי דיר און לאז מיך
צו רו, דו פאלשע פרוי".
— און וואס איז היינט מיט פוטיפר און זיין ווייב? — האט
געפרעגט אסנת.
— איך ווייס נישט. זייט דעם איך בין געווארן שני למלך
האב איך פוטיפרן נישט געזען אין קעניגס הויף און האב אויך
גארנישט געהערט וועגן זיי. דאס הויז ווו פוטיפר האט געוווינט
איז פארנומען פון אן אנדערן.

— 5 —

יוסף טייטשט אויס חלומות

נאך א קורצער פויזע האט יוסף ווייטער דערציילט:
— צוועלף יאר בין איך געזעסן אין טורמע, אבער ס'איז מיר גע־
ווען נישט שווער דאס לעבן דארט. יעדן טאג האב איך תפילה גע־
טאן צו גאט און ער איז געווען צו מיר גוט און מיך באשיצט.
באלד ווי מען האט מיך פארשפארט אין טורמע, האב איך געוווּנען
די סימפאטיע פונעם אויפזעער. איך בין געזעסן אין טורמע נישט
פון פארברעכער, נאר אין דער ווו מען זעצט איין אזעלכע וואס
האבן געזינדיקט קעגן דער פרוי, דעם קעניג. דער אויפזעער איז
טורמע האט מיך באלד געמאכט פאר זיין געהילף און מיר איבער־
געגעבן אכטונג צו געבן אויף די אנדערע ארעסטירטע. מיט דער
צייט בין איך געווארן א פארטרויטער ביים הויפט־אנפירער פון
דער טורמע.
נאכן אפזיצן צען יאר האב איך באקומען צוויי נייע ארעס־
טירטע: דעם געטראנק־מייסטער פון פרעה און דעם בעקער פון
קעניגלעכן הויף. מען האט זיי איינגעזעצט און מיר איבערגעגעבן
איך זאל זיי באזארגן מיט עסן און אכטונג געבן אויף זיי. מיר זיי־
נען גאר אין גיכן געווארן באפריינדעט און באדויערט דאס געשעענע.
וואס האט געפירט צו אונדזער ארעסט.
דער געטראנק־מייסטער האט דערציילט, אז ביי א סעודה וואס
פרעה האט געגעבן האט ער דערלאנגט דעם קעניג א בעכער וויין.
און אין אט דעם מאמענט איז אריין א פליג אין בעכער. פרעה
האט עס נישט געזען, נאר ווען ער האט צוגעטראגן דעם בעכער
צום מויל, האט ער ערשט געזען ווי עס שווימט דארט ארום
די פליג. ער האט אין צארן א נאם געטאן דעם וויין אין דער הויך
און א געשריי געטאן: „שוין זאל מען אים פארשפארן", און אזוי
איז געשען.
דער בעקער האט דערציילט, אז ביי דער זעלבער סעודה האט
פרעה ביים איבערשניידן א ברויט געטראפן אין ברויט א שטיקל

האַלץ, אַ קליינעם שפּליטער פּונעם מולטער, און פּרעה אַ צאָרני־קער האָט אַ געשריי געטאָן: „מיט וואָס האָדעוועט מיך דער בעקער? שוין זאָל מען אים פאַרשפּאַרן”, און אַזוי איז אויך געשען.

— אויף לאַנג האָט מען זיי פאַרמשפּט? — האָט געפרעגט מנשה.

— „דאָס ווייס איך נישט. מען האָט זיי איבערהויפּט נישט געמשפּט, נאָר פאַרשפּאַרט דורכן באַפעל פון קעניג” — און יוסף האָט ווייטער דערציילט:

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך האָב די צוויי אַרעסטירטע דערלאַנגט פרישטיק, האָב איך באַמערקט, אַז זייערע פּנימער זייַנען טרויעריק. איך האָב זיי געפרעגט וואָס דאָס זאָל באַדייטן, און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז עס האָט זיך זיי געחלומט אַ וווּנדערלעכער חלום.

— שוין ווידעראַמאָל חלומות, פאָטער? — האָט זיך אפרים געפרוווט וויצלען, דערמאָנענדיק זיך אין פאָטערס חלום אין דער יוגנט.

— קינד, אפרים, שווייג — האָט אסנת זיך אָנגערופן — האָב דרך־ארץ און לאָז דערציילן.

יאָ, אַ חלום האָט זיך זיי געחלומט — האָט יוסף פאָרגעזעצט — און זיי האָבן דערפון געהאַט זאָרג.

לאָמיר הערן, האָב איך זיי געפּרוווט בארויִקן. אפשר וועל איך קענען אייער חלום באַשיידן.

מיינע ווערטער האָבן געווירקט באַרויִקנדיק אויף זיי.

— דו ביסט אַ גוטער מענטש, עברי — האָט דער געטראַנק־מייסטער געזאָגט — און איך זע, אַז דיין גאָט איז מיט דיר. איך וועל פּרוּוון דיר דערציילן מיין חלום. ס'איז מיר אָנגעקומען שווער דאָס איינשלאָפן, און ווען איך בין איינגעשלאָפן, האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך זע פאַר מיר אַ וויינשטאָק; אויפן בוים זייַנען פאַראַן דריי צווייגן מיט בלימן. פון די בלימען האָבן אָנגעהויבן זיך ווייזן ווייַנטרויבן, הענגלעך גרויסע ווייַנטרויבן. באַלד האָבן די ווייַנטרויבן זיך אָנגעפילט מיט זאַפט און זייַנען צייטיק געוואָרן. אין גערעכט האָט מיר, אַז איך האָב אין איין האַנט דעם בעכער פון פּרעה. האָב איך אַהין אויסגעדריקט דעם זאַפט פון די ווייַנטרויבן און דערלאַנגט דעם בעכער צו פּרעה. איצט זאָג, וואָס פאַרשטייסטו פון דעם חלום?

דער באַשייד — האָב איך געענטפערט — ליגט ביי גאָט. לאָז מיך אַ ביסל נאָכדענקען.

ס'איז מיר אַריין אַ געטלעכער געדאַנק און איך האָב אים דערקלערט:

— דיין חלום באַדייט, אַז די דריי צווייגן זייַנען דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה לאָזן דיך אַרויסנעמען פון דאַנען, דיך צוריקשטעלן אויף דיין פּאָסטן און דיר אומקערן דיין שטאַנד. וועסט ווידער דערלאַנגען פּרעהס בעכער אין זיין האַנט ווי פריער.

— איך דאַנק דיר עברי, איך דאַנק דיר — האָט ער געזאָגט.

— אָבער, ווען דאָס וועט געשען — האָב איך געבעטן —

זע, טו מיר די טובה און דערמאָן מיך ביי פּרעה, און זאָל ער מיך אַרויסנעמען פון דאָזיקן הויז, ווייל געגנבעט געוואָרן בין איך פונעם לאַנד פון די עברים, און דאָ האָב איך קיין זאַך נישט גע־טאָן, אַז איך זאָל דאַרפן אין טורמע עפּעס אָפּקומען.

— איך וועל עס זיכער געדענקען, עברי. דו ביסט זייער אַ איידעלער מאַן — האָט ער געענטפערט.

דערמוטיקט פון מיין באַשיידן דעם חלום פונעם געטראַנק־מייסטער, האָט אויך דער בעקער דערציילט זיין חלום.

— מיין חלום איז געווען זייער אַן ענלעכער — האָט ער געזאָגט — אָבער אַ ביסל אַנדערש. מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך טראָג דריי קוישן אויף מיין קאָפּ, און אין אויבערשטן קויש זיינען פאַראַנען אַלערליי געבעקסן פאַר פּרעה. מיטאַמאָל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פייגל און צוגעכאַפּט די געבעקסן.

ווידעראַמאָל האָב איך געזאָגט, אַז דער באַשייד ליגט ביי גאָט און צוגעגעבן: דיין חלום רעדט פאַר זיך אַליין. דו האָסט געטראָגן געבעקס פאַר פּרעה, אָבער עס אים נישט געגעבן. פייגל האָבן גענומען פונעם קויש אויף דיין קאָפּ. נעם נישט פאַר אומגוט מיין מיינונג, אָבער איך זע שלעכטס אין דעם. די דריי קוישן באַדייטן דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט מען דיך אַרויסנעמען פון דאַנען, אָבער נישט אויף צו באַפרייען, נאָר דיך צו הענגען.

— און וואָס איז געוואָרן? — האָט אפרים געפרעגט אומ־געדולדיק.

„אָט וועל איך עס אייך דערציילן, קינדער — האָט יוסף גע־ענטפערט. — אין דריי טעג אַרום האָט פּרעה געפייערט זיין גע־בורטסטאָג און געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר די הויכע מלוכה־מענער און געסט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם געטראַנק־מייסטער און געהייסן אים אַרויסנעמען פון טורמע און שטעלן אויף זיין פּאָסטן, און געהייסן אויך אַרויסנעמען דעם בעקער און אים אויפהענגען".

ביי די קינדער און אסנת האָבן געפינקלט די אויגן פאַר פרייד איבערן געלונגענעם באַשייד פון די חלומות, און „מנשה האָט געפרעגט: „און וואָס איז געוואָרן דערנאָך מיט דיר?"

— מיט מיר איז דערווייל גאָרנישט געוואָרן. דער געטראַנק־מייסטער האָט מיך באַלד פאַרגעסן און ער האָט מיך קיינמאָל נישט דערמאָנט ביי פּרעה. און איצט, מיינע טייערע קינדער און אסנת, לאָמיר מאַכן אַ נייעם איבעררייס.

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן צופרידענע און דאַנקבאַר פאַר דעם דערציילטן, מיט דער שפּאַנונג צו הערן מאָרגן די ווייטער־דיקע איבערלעבונגען פונעם פאָטער.

6

פּרעה מאַכט יוסף פאַר שני למלך

ווידעראַמאָל איז אין אונטן זיך צוזאַמענגעקומען די קליינע פאַמיליע צום עסן און נאָך דער וועטשערע האָט אסנת מיט די קינ־

דער זיך ארומגעזועצט ביים טיש ארום יוסף און ער האָט ווייטער
דערציילט:

„ס'זיינען אוועק נאָך צוויי יאָר מיטן זיצן אין טורמע און
ס'האָט מיר געדאַכט, אַז איך וועל שוין אייביק בלייבן אַזוי, אָבער
דער נאָט פון מיינע עלטערן האָט זיך דערבאַרעמט אויף מיר.

„נאָכן סוף פון צוועלפטן יאָר זיין אין אַרעסט איז געקומען
מיין באַפרייאונג און טאַקע דורך אַ חלום".

אַלע האָבן געשמייכלט און אויך יוסף האָט דערביי אַ שמיי־
כל געטון. ער איז אָבער באַלד געוואָרן ווידער ערנסט און געזאָגט:

נאָכן סוף פון צוועלפטן יאָר האָט זיך געחלומט פּרעהן אַ
חלום און ער איז אויפגעשטאַנען אַן אומרויקער. געחלומט האָט ער,
אַז ער שטייט ביים טייך נילוס און ער זעט אַרויסגיין פון טייך זיבן
קי, זיבן שיינע, פעטע קי. זיי זיינען אַרויס אויפן ברעג און זיך גע־
לאָזט פּאַשן דאָס טייכגראָז. באַלד זיינען אַרויס פון טייך זיבן אַנדע־
רע קי, מיאוס פון אויסזען און מאָגערע, און זיי האָבן זיך געשטעלט
נעבן יענע קי ביים ברעג טייך. די מיאוסע און מאָגערע קי האָבן דער־
נאָך זיך געוואָרפן אויף די שיינע און פעטע און זיי אויפגעגעסן. פּרעה
האָט דאָס געזען אין חלום, געוואָלט שרייען און נישט געקאָנט. ער
האָט זיך אויפגעכאַפּט. אינגיכן איז ער ווידער איינגעשלאָפן און עס
האָט זיך אים געחלומט אַ צווייטע און זייער ענלעכע זאַך. ער האָט
אין חלום געזען ווי עס גייען אויף זיבן פולע, גוטע און געזונטע זאַנגען
אויף איין שטענגל. באַלד זיינען אויפגעגאַנגען, אַרויסשפּראָצנדיק פון
דער ערד זיבן זאַנגען דינע, ווי אויסגעדראַשענע פון שטאַרקן מיזרח
ווינט. ווען די דינע זאַנגען זייגען אַרויס האָבן זיי זיך אויסגעבויגן צו
די זיבן געזונטע און פולע און זיי איינגעשלונגען.

באַלד דערנאָך האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט און זיין גע־
מיט איז געווען צערודערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פון
באַדייטונג, און נישט געקאָנט באַנרייפן וואָס עס מיינט דער חלום.
ער האָט גאַנץ פרי געשיקט רופן די שטערנזעער, חרטומים, די חכמים
און גייסטלעכע און זיי דערציילט דעם חלום אָבער קיינער האָט נישט
געקאָנט דעם חלום פּותר זיין, און אים געבן אַ פּאַסיקן באַשייד.

אין גאַנצן קעניגלעכן הויף איז אומגעגאַנגען די ידיעה פון
פּרעהס חלום און זיין אומרו. דעמאָלסט האָט דער שר המשקים, דער
געטראַנקמייסטער זיך דערמאָנט אין מיר און זיך געמאָלדן צו פּרעה.
ער האָט זיך גענויגט פאַרן קעניג און געזאָגט: „מיין האַר און קעניג,
איך וויל היינט מיינע זינד דערמאָנען. פּרעה האָט אַמאָל געצאָרנט
אויף זיינע קנעכט און האָט מיך און דעם אויבערבעקער אַריינגעזעצט
אין אַרעסט אונטער דער וואַך פונעם הויפּט־וועכטערס הויז. און גע־
מאַכט האָט זיך איינמאָל, אַז עס האָט אין איין נאַכט זיך געחלומט
מיר און דעם אויבערבעקער אַ חלום וואָס האָט אונדז געמאַכט אומ־
רואיק. דאָרט איז מיט אונדז געווען אַן עברישער יונגער מענטש, גע־
וועזענער קנעכט פונעם אויבערלייבוועכטער פּוטיפר, און ער האָט
געפרעגט פאַרוואָס מיר זיינען צערודערט. מיר האָבן דערציילט ווע־
גן חלום און ער האָט אונדז די חלומות באַשיידט. און ס'איז געווען
אַלעס ווי אַזוי ער האָט באַשיידט אַזוי איז עס געוואָרן. מיך האָט
פּרעה צוריקגעשטעלט אויף מיין פּאָסטן און דעם אַנדערן האָט מען

אויפגעהאנגען".

ווו איז דער דאזיקער עברי? — האט פרעה געפרעגט?

— ער זיצט נאך אין ארעסט — האט דער געטראנקמייסטער געענטפערט.

— זאל מען דעם עברי שוין ברענגען אהער! — האט פרעה א געשריי געטון.

באלד איז געקומען א שליח פון פרעה און מיך ארויסגענומען פון ארעסט. מיך גענומען און געפירט צום קעניג. מען האט מיך אפגעגאלט, געבאדן, געביטן די קליידער און געבראכט צום קעניג.

פרעה האט גערעדט צו מיר פריינטלעך, האט מיר געזאגט, אז איך זאל מיך ניט שרעקן, און דערקלערט: מיר האט זיך געחלומט א חלום און ס'איז נישטא ווער ס'זאל אים פותר זיין (באשיידן) און ווען דיר האב איך געהערט זאגן, אז דו פארשטייסט א חלום און קאנסט אים פותר זיין".

— נישט איך — האב איך געענטפערט — נאר גאט וועט באשיידן דעם חלום פון פרעה.

דאמאלסט האט פרעה מיר איבערגעגעבן דעם חלום ווען די זיבן פעטע און זיבן מאגערע קי און געזאגט: די דארע און מיאוסע קי האבן אויפגעגעסן די ערשטע זיבן פעטע. די פעטע זיינען אריין אין די מאגערע און ס'איז נישט געווען קענטיק, אז זיי זיינען אין זיי אריין און זייער אויסזען איז געבליבן אזוי מיאוס ווי אין אנהויב. און איך האב זיך אויפגעכאפט. באלד בין איך אנטשלאפן געווארן ווי־דער און געזען א חלום מיט זאנגען תבואה. עס האבן ארויסגעשפראצט זיבן פולע, געזונטע זאנגען אויף איין שטענגל. דערנאך זיינען ארויס זיבן מאגערע זאנגען און זיי האבן פארשלינגען די פולע און גוטע. דעם חלום האב איך דערציילט די חרטומים אבער קיינער האט מיר נישט געקאנט באשיידן.

— און דו פאטער האסט נישט מורא געהאט, שטייענדיק פאר פרעה? — האט אפרים געפרעגט.

— ניין, קינד, איך האב נישט מורא געהאט, ווייל ווען גאט נים מיר נישט אין געדאנק דעם ענטפער בין איך דאך נישט שולדיק. אט האבן דאך די חרטומים און חכמים אויך נישט פותר געווען. אבער איך האב באלד אין די צוויי חלומות געזען, אז דאס איז איינער, און האב געפילט אין זיך דעם כוח אים צו באשיידן — האט יוסף געענטפערט און ווייטער דערציילט:

איך האב באלד געענטפערט צו פרעה: „דער חלום איז איינער. וואס גאט וויל טון צום לאנד האט ער אנגעזאגט דורכן חלום צום קעניג: די זיבן פעטע קי דאס זיינען זיבן יאר און די זיבן גוטע און פולע זאנגען זיינען זיבן יאר. איין חלום איז עס. און די זיבן דארע און מאגערע קי זיינען זיבן יאר און דאס זעלבע די זיבן זאנגענע די ליידיקע זאנגען באדייטן הונגער יארן. דער באשייד ליגט אינעם חלום. עס וועלן קומען זיבן יאר פון גרויס געוועטעניש און זעט אין מצרים. און נאך זיי וועלן קומען זיבן הונגער יארן און די געוועזענע זאטקייט וועט באלד פארגעסן ווערן. דער הונגער וועט זיין זייער א שווערער. דאס וואס דער חלום האט זיך איבערגעחזרט באווייזט אז די זאך איז פון גאט פעסט באשלאסן און ס'וועט אינגיכן

געשען.

— איז וואָס זאָל מען טון? — האָט פּרעה געפרעגט, און איך האָב געענטפערט:

— זאָל פּרעה זען א פאַרשטענדיקן און קלוגן מאַן און אים שטעלן אלס אָנפירער איבערן גאַנצן לאַנד און די גובערנאַטאָרס אין אַלע באַצירקן זאָלן אומעטום אויפשטעלן שייערס אויפצוזאַמלען די גרויסע גערעטעניש אין די זיבן גוטע יאָר. די תבואה זאָל בלייבן אין די אַלע זיבן יאָר פון גערעטעניש אָנגעהויפט אין די שייערס אין אַלע עקן לאַנד. אַלעס זאָל געטון ווערן אונטערן מלוכה קאָנטראָל, און ווען ס'וועט זיך אָנהויבן די צייט פון הונגער זאָל די תבואה ביסלעכווייז ארויסגעטיילט ווערן פאַרן פאָלק.

— ס'איז נישטאָ קיין פּאַסיקערער און בעסערער מאַן ווי דו ביזט עס, האָט פּרעה אויסגערופן מיט פרייד.

דערנאָך האָט פּרעה געהייסן אריינרופן די דינערשאַפט, הויפּכּלים, חכמים און חרטומים און זיי דערציילט ווי אַזוי איך האָב אים פּותר געווען דעם חלום און מיין עצה וועגן אָנזאַמלען די תבואה און געזאָגט: „קאָנען מיר דען געפינען אַזאַ מאַן ווי דער דאָזיקער: א מענטש וואָס דער גייסט פון זיין גאָט איז אין אים?" און זיך ווענדנדיק צו מיר געזאָגט: „נאָך דעם ווי דיין גאָט האָט דיר געלאָזט וויסן דאָס אַלץ איז נישטאָ א פאַרשטענדיקערער, קלוגערער פון דיר. דו וועסט זיין דער וואָס וועט דאָס אַלץ דורכפירן. דו וועסט זיין דער רעגירער און לויט דיין פאַראָרדענונג זאָל אַלעס געטון ווערן. דו וועסט זיין איבער מיין הויז און איבערן גאַנצן לאַנד. נאָר מיטן טראָן וועל איך זיין גרעסער פון דיר". ער האָט אראָפּגענומען דעם זיגלרינג פון זיין פינגער און אים אָנגעטון אויף מיין האַנט און געזאָגט: „זע איך מאַך דיך איצט פאַר הערשער איבער גאַנץ מצרים".

פּרעה האָט געהייסן מיר אָנטון רייכע ליינענע מלבושים און ער האָט אָנגעטון א גאָלדענע קייט אויף מיין האַלדז. ער האָט מיך געהייסן זעצן אין זיין צווייטן רייטוואָגן און געהייסן אויסרופן פאַר מיר אברך (אוורייך) וואָס מיינט „א פאָטער און ראַטגעבער צום קעניג". איך בין געוואָרן ווייצע קעניג, מיטן רעכט צו רעגירן לויט מיין איינענעם איינזען און פאַרשטאַנד. פּרעה האָט מיר קלאָר געזאָגט: „איך בין פּרעה, אָבער אָן דיר זאָל קיינער נישט אויפהויבן א האַנט אָדער פוס איבערגאַנצן לאַנד". דערמיט האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז אונטער מיין קאָנטראָל גאָל זיין יעדע דערלויבעניש צו פאָרן און רייטן, קויפן און פאַרקויפן.

דעמאָלט בין איך אַלט געווען דרייסיק יאָר.

— און וועלכער גאָט האָט דיר די דאָזיקע עצה געגעבן? האָט אסנת פאַרזיכטיק געפרעגט.

— דאָס איז געווען נישט רע, נייעט אסירים אָדער די געטין איזיס, ס'איז אויך נישט געווען דער שטיר אַפּיס — האָט יוסף מיט א שמייכל געענטפערט — נאָר אל שדי, דער גאָט פון מיינע אבות אברהם און יצחק און פון מיין פאָטער יעקב.

— דערצייל, דערצייל ווייטער — האָט מנשה געבעטן, און יוסף האָט געזאָגט.

„דעמאָלט האָט פּרעה מיך באַטיטלט מיטן נאָמען צ פ נ ת פ ע נ ח (צאַפנאַס פאַאַנייאַך), וואָס מיינט „ער זאָגט אויס פאַר־

באַרנעגע זאַכן". ער האָט אויך מיך געראָטן חתונה צו האָבן מיט דער טאַכטער פון דעם גייסטלעכן פון און (אויז) און איך האָב עס געטון".

די קינדער האָבן געקוקט אויף דער מוטער און אסנת האָט געהאַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— דו שעמסט זיך, אסנת? — האָט יוסף געפרעגט.

— ניין, ניין. דערציי́ל ווייטער, אָ́ן כאָטשע איך ווייס אַ סך פון דעם וואָס וועסט איצט דערציילן וועל איך עס הערן זייער גערן. דו דערציי́לסט עס דאָך אַזוי שיין.

— אמת, אמת, פאָטער, האָט אפרים צוגעגעבן.

— 7 —

די זאַטע און הונגער-יאָרן

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט יוסף דערציילט ווייטער:

עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון די זאַטע יאָרן. איצט האָט באַדאַרפט אויסגעפירט ווערן דער גרויסער פּלאַן פון זאַמלען די תבואה. ס'זיינען פון מיר אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַראָרדענונגען צו אַלע גובערנאַטאָרס אין די פּראָווינצן אויפצושטעלן אין יעדער שטאָט און דאָרף ריזיקע שייערס און אויפקויפן די תבואה ביי די פּויערן. דאָס געוועטעניש איז געווען אַזוי גרויס אַז די פּויערים האָבן נאָכן איבערלאָזן פאַר זיך גענוג תבואה צום עסן און אויף זריעה, געהאַט אַ סך, זייער אַ סך איבעריק, און זיי האָבן עס פאַרקויפט דער מלוכה. אויפן צווייטן יאָר זיינען אַלע צוגעגרייטע שייערס געוואָרן אָנגעפּולט מיט תבואה און מען האָט געמוזט אויפשטעלן נייע. ס'זיינען צו דער דאָזיקער בוי־אַרבעט אַריינגע־צויגן געוואָרן הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער. ס'זיינען באַשעפטיקט געווען גאַנצע פאַמיליעס, און די אַרבעט האָט אַזוי געדויערט אַלע זיבן יאָר. מיט דער צייט איז גאַנץ מצרים אַזוי פול געוואָרן מיט תבואה שפּייכלערס אַז מען האָט שוין אויפגע־הערט צו ציילן זיי.

יעדע איינזאַמלונג פון תבואה איז געמאָלדן געוואָרן די גו־בערנאַטאָרס און זיי האָבן עס מיר געמאָלדן.

אין יענער צייט, קינדער מיינע, אין די זאַטע יאָרן, זענט איר געבוירן געוואָרן. קודם מנשה און דערנאָך אפרים. אייער געבורט איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע פרייד. דיר, מיין עלטערער זון, האָב איך אַ נאָמען געגעבן מנשה, וועלנדיק דערמיט אויסדריקן אַז גאָט האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן מיין גאַנצע מאַטערניש און די שווע־רע איבערלעבונגען פון אַמאָל. און דיר האָב איך אַ נאָמען געגעבן א פ ר י ם , ווייל גאָט האָט מיך געפרוכפּערט אינעם לאַנד פון מיין רו.

„פון צייט צו צייט האָט מיך געפּלאָגט דער געדאַנק פון מיין עלנטקייט, און איך האָב אין אַזעלכע מאָמענטן געזוכט אַ טרייסט אין אייך, מיינע ליבע קינדער".

יוסף האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאָמענט, און אסנת און די קינדער זיינען געבליבן וואַרטן. באַלד האָט אָבער אסנת איבערגעריסן די שטילקייט און געבעטן: „דערציי́ל ווייטער, יוסף, דערציי́ל", און יוסף האָט פאָרגעזעצט:

— איצט גייען מיר, מיינע ליבינקע, צו גאר א געשפּאַנטן מאמענט אין מיין לעבן.

נאך די זיבן זאטע יארן האט זיך אנגעהויבן די צייט פון זיבן הונגער יארן. די פויערים האבן אין ערשטן יאר באארבעט די פעלדער, אבער ס'איז זייער ווייניק אויפגעגאנגען. און דאס וואס איז אויפגעגאנגען זיינען געווען ארעמע, דארע זאנגען. אבער אויך פון דעם ביסל וואס ס'איז געוואקסן, האט מען גארנישט געהאט. שטארקע מיזרח־ווינטן און גרויסע היצן האבן פארניכטעט די זאנגען. דאס פאלק איז געבליבן אן ברויט. א טייל פויערים האבן נאך געהאט גענוג געלאזט זיך פונעם פרידיקן גערעטעניש, אבער אנדערע האבן באלד געמוזט אנקומען צו דער מלוכה. איך האב געהייסן עפענען די שייערס און ארויסגעבן תבואה.

— מען האט עס געגעבן יעדן? — האט אפרים געפרעגט.

— יא, יעדן האט יוסף געענטפערט. יעדן איינוווינער אין לאנד האט מען געגעבן תבואה און מעל. נאר די גייסטלעכע האט מען עס געגעבן אומזיסט און יעדער אנדערער האט געדארפט באצאלן.

— פארוואס האבן די אנדערע געדארפט צאלן? — האט אפרים ווידער געפרעגט. — דו זאגסט דאך אז די תבואה האט מען גענומען ביי די פויערים.

— אמת, קינד מיינס, די תבואה האבן מיר גענומען ביי די פויערים. אבער מיר האבן באצאלט פאר איר. אזוי ווי די גערעטעניש זיינען געווען גרויס האבן מיר געצאלט ביליקע פרייזן, זייער ביליקע, און ביים פארקויפן האבן מיר גענומען טייערע פרייזן, זייער טייערע?

— פארוואס? — האט דער עלטערער זון געפרעגט.

— וואס הייסט פארוואס? — האט יוסף געזאגט. — עס האט דאך געקאסט דער מלוכה דאס אויפשטעלן די שייערס, און מענטשן האבן מיר געדארפט, צו היטן די תבואה און זי דורכלופטערן פון צייט צו צייט. אויסער דעם האב איך געוואלט אז פרעה זאל האבן א סך געלט, וואס מער געלט. פרעהס אוצרות זיינען אין די הונגער יארן אנגעפולט געווארן מיט געלט. אין די ערשטע פאר יאר האט די באפעלקערונג אויסגעגעבן דאס גאנצע געלט פארן קויף פון תבואה. שפעטער, ווען דאס געלט האט זיך ביי זיי אויסגעלאזט, האבן מיר געפאדערט אז זיי זאלן אונדז געבן זייערע בהמות פאר תבואה, און ווען די בהמות זיינען אוועקגעגעבן געווארן האבן מיר געפאדערט אז זיי זאלן איבערשרייבן צו פרעה זייערע פעלדער.

— איז דאך דאס פאלק געבליבן אין גאנצן פאראמט — האט מנשה געזאגט.

— ריים נישט איבער אלעמאל — האט זיך ארייגעמישט די מוטער.

— אמת, קינד מיינס, האט יוסף געזאגט. דאס פאלק איז געבליבן פאראמט, אבער די גייסטלעכע האבן געזאגט אז אזוי ווילן די געטער. און פרעה האט אויך צוגעשטימט צו דעם.

צולעצט, ווען די פויערים האבן שוין גארנישט געהאט — האט יוסף פארגעזעצט — האבן זיי זיך געדארפט פארדינגען

פאר קנעכט צו פרעהן, דאס הייסט צו דער מלוכה.

דער הונגער איז געוואַרן מוראדיק שטאַרק. נישט בלויז אין מצרים נאָר אויך אין די שכנישע לענדער. אין כנען, אין אדום, עמון און אין די מידבר אאַזיסן האָט מען געפילט דעם הונגער. אין כנען זיינען געווען אפטע הונגער־יאָרן און דאָס פאָלק פון דאָרט האָט געשיקט קאַראַוואַנען קיין מצרים צו קויפן תבואה. שוין אין די צייטן פון מיין עלטער זיידע אברהם איז געווען א הונגער אין כנען און אויך אין די צייטן פון מיין זיידע יצחק איז געווען א הונגער. מיין עלטער־זיידע אברהם מיט דער עלטער־באָבען שרה זיינען געקומען אין א הונגער־יאָר קיין מצרים, ברענגענדיק אויך זייערע שאָף און רינדער צו פאַשן אין מצרים. מיין זיידע יצחק האָט אויך געוואָלט קומען אהער אין א הונגער־יאָר, אָבער גאָט האָט אים נישט געהייסן אראָפּנידערן קיין מצרים, האָט ער זיך באַזעצט אין לאַנד פון די פלישתים ביי גראָר.

איצט, ווען דער הונגער האָט אַרומגעכאַפּט אַלע לענדער האָבן אָנגעהויבן קומען קאַראַוואַנען מיט קעמלען צו קויפן אין מצרים תבואה. און כאָטשע מיר אַליין האָבן גשהאַט הינגער יאָרן האָבן מיר פאַרקויפט אויך תבואה קיין אויסלאַנד.

פאַרשטאַנען האָב איך, אַז אויך מיין פאָטער מיט זיין הויזגעזינד ליידן פון הונגער, און גאַנץ מעגלעך אַז ס׳וועלן קומען שליחים אָדער די ברידער אַליין נאָך תבואה. איך האָב באַטראַכט דעם הונגער אַלס זאַך פון גאָט בכדי איך זאָל קאָנען געוואָר ווערן עפּעס פון מיין פאָטער און מיין ברודער בנימין.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן די צאָל קאַראַוואַנעם וואָס זיינען געקומען נאָך תבואה, האָב איך פאַראָרדנט די גרענעץ־פּאָסטנס, צו פאַרצייכענען, יעדן טאָג די געקומענע אויסלענדער, און מיר צושטעלן די ליסטעס מיט די נעמען פון אַלע.

אַזוי איז עס אויך געווען. יעדן טאָג האָט מען מיר געבראַכט די ליסטעס און איך האָב מיט ציטער און שפּאַנונג געזוכט די נעמען פון מיינע ברידער. א שטיק צייט איז עס אַזוי געווען.

אין איינעם א טאָג, איבערקוקנדיק די ליסטעס האָב איך אין איינער געטראָפן דעם נאָמען פון מיינעם א ברודער: שמעון, דער זון פון יעקב פון כנען. קוקנדיק ווייטער האָב איך אין א צווייטער ליסטע געזען דעם נאָמען פון א צווייטן ברודער: יהודה, דער זון פון יעקב פון כנען. אין צען פאַרשידענע ליסטעס זיינען זיי געווען פאַרצייכנט. יעדער פון זיי איז אַריינגעקומען דורך אַן אַנדערן אַריינגאַנגס טויער.

עס האָט מיר א ריס געטאָן ביים הארצן. איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענט צו מיזרח און גערופן: „פאָטער! — פאָטער מיינער". א געדאַנק איז מיר געקומען, צו לאָזן זיי רופן און זיך לאָזן באַלד דערקאָנען צו זיי. באַלד אָבער איז געקומען אַן אַנדערער געדאַנק, אַז מען טאָר נישט האַנדלען אַזוי איילים.

דאָס ערשטע האָב איך באַשלאָסן צו לאָזן זיי רופן צו מיר. כ׳האָב פאַראָרדנט די גרעניץ קאָמאַנדאַנטן צו פאַרהאַלטן די צען פרעמדע ווען זיי וועלן אַרויספאָרן פון לאַנד, און זיי ברענגען צו מיר.

— 8 —

געבראַכט די ברידער

דאָס דערציילן דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די ברידער איז אָנגעקומען אַביסל שווער יוספן, כאָטשע ס'זיינען שוין אַ פּאָר יאָר נאָך יענעם געשעעניש. ער האָט אַ כאַד געטון מיט די הענט אין דער ברייט ווי ער וואָלט וועלן זיך באַפרייען פון עפּעס, זיך אַ וויש געטון דעם שטערן און דערנאָך דערציילט ווייטער:

— אַ סך פון דעם וואָס איך וועל דאָ דערציילן ווייסט איר אַלע, אָבער ווי איך זע אינטערעסירט אייך צו הערן נאָך אַמאָל, וועל איך עס אייך דערציילן:

נאָכן באַקומען די ליסטעס מיט די נעמען פון די ברידער, און נאָך מיין באַפעל צו פאַרהאַלטן זיי ביים גרעניץ ווען זיי וועלן זיך געפינען אויפן וועג אַהיים זיינען אַוועק צוויי טעג און כ'האָב נישט באַקומען קיין שום ידיעה וועגן זיי. דאָס זיינען געווען צוויי שווערע טעג. אין שטוב האָב איך קיינעם גאָרנישט געזאָגט וואָס עס טוט זיך אין מיין האַרץ. כ'האָב יעדן טאָג תפילה געטון צו גאָט און געבעטן ער זאָל מיר געבן כוח און מוט, און אויך מיר שענקען דעם נויטיקן פאַרשטאַנד צו קאָנען ווי געהעריק האַנדלען מיט מיינע ברידער.

אויפן דריטן טאָג פאַרמיטיק האָט אַן אָפּטיילונג גרעניץ וועכטער מיר געבראַכט אַלע צען ברידער. איך האָב זיי באַלד דערקאַנט, נאָר זיי מיך האָבן נישט דערקאַנט. אין די איבער צוואַנציק יאָר האָב איך זיך שטאַרק געענדערט. זיי האָבן מיך געקאַנט אַלס ייִנגל און דאָ שטייט פאַר זיי אַ מאַן, אַ שני למלך, מיט אַ שטרענג פּנים. עס האָט זיך געמערקט אויף זייערע פּנימער, אַז כאָטשע זיי זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן און מען האָט זיי געבראַכט אונטער אַ שטרענגער וואַך האָבן זיי קיין מורא נישט.

איך האָב זיך געמאַכט פרעמד צו זיי און גערעדט זייער האַרט. פאַרשטייט זיך אַז גערעדט האָב איך מיצריש און אַ דאָל־מעטשער האָט געדינט צווישן אונדז אַלס איבערזעצער אויף כנעניש.

— פון וואַנען קומט איר? — האָב איך שטרענג געפרעגט.

זיי האָבן זיך געבוקט צו מיר ביז צו דער ערד און איינער פון זיי, ראובן, האָט געענטפערט.

— פון לאַנד כנען, צו קויפן שפּייז.

איך האָב מיך דערמאָנט מיינע חלומות און זייער האַנדלונג צו מיר, און כאָטשע איך האָב געוואָלט זיין פריינטלעך צו זיי האָב איך אין דעם מאָמענט געהאַלטן פאַר נויטיק צו זיין שטרענג, און געזאָגט:

— אויסקוקערס זיינט איר, שפּיאָנען.

— ניין, מיין האַר, — האָט יהודה געזאָגט — צו קויפן זיינען געקומען דיינע קנעכט. מיר אַלע זיינען זין פון איין מאַן, ערלעכע מענטשן זיינען מיר; דיינע קנעכט זיינען קיינמאָל קיין

אויסקוקערס נישט געווען. מיר זיינען געקומען קויפן תבואה איבערן הונגער אין אונזער לאנד.

איך בין געבליבן ווייטער ביי מיין שטרענגקייט און געזאגט פעסט:

ניין, אויסקוקערס זיינט איר און געקומען זען וואס עס טוט זיך ביי אונדז.

דערויף האט ראובן ווידער געענטפערט: „צוועלף ברידער זיינען מיר, דיינע קנעכט, זין פון איין מאן אין לאנד כנען. דער יינגסטער איז געבליבן מיט זיין פאטער און איינער איז פארלוירן געגאנגען".

— אט דאס איז עס דאך וואס איך זאג אז שפיאנען, אויסקוקערס זיינט איר — האב איך געזאגט שארף. איר זאגט אז איין ברודער איז פארלוירן געגאנגען און איך זע דורך כשוף אז איר האט אים פארקויפט. איצט וועל איך אויספרווון אייך. איך שווער ביים לעבן פון פרעה אז איר וועט פון דאנען נישט ארויסגיין סיידן אייער יינגסטער ברודער וועט קומען אהער. שיקט איינעם פון אייך ער זאל ברענגען אייער ברודער, און איר וועט בלייבן דא אין ארעסט ביז דער געשיקטער מיט זיין יינגסטן ברודער וועלן קומען. דעמאלט וועל איך וויסן אז איר זאגט אמת. ווען נישט שווער איך ביי פרעה אז איר זיינט שפיאנען.

— געדענקסט פאטער אז איך בין געווען דערביי און געשטאנען נעבן דיר? — האט געפרעגט מנשה — און צוגעגעבן „איך האב נאך פארשטאנען דעם שמועס און צום ערשטן מאל געהערט ריידן אויסלענדער מיט דיר. כ'האב אזוי מורא געהאט דאמאלסט.

יא, קינד מיינס — האט יוסף געענטפערט — דו ביזט דאמאלסט אלט געווען זעקס יאר. — דערנאך האט ער פארגעזעצט:

אין מיין שטרענגקייט אין יענעם געשפאנטן מאמענט האב איך געגעבן א צייכן און מען האט זיי אפגעפירט אין וואכהויז אויף דריי טעג. אין שטוב האב איך פארארדנט צו שיקן זיי צוויי מאל אין טאג עסן פון אונזער קיך. געדענקסט עס אסנאת?

די פרוי האט געשאקלט מיטן קאפ און געזאגט:

— אבער דאמאלסט האב איך נישט געוווסט אז דאס זיינען דיינע ברידער. האסט געזאגט אז דאס זיינען אנגעזעענע אויסלענדישע סוחרים.

ס'איז מיר שווער געווען, אסנאת — האט יוסף געזאגט — און ס'איז מיר איצט שווער צו דערציילן. אפשר קינדער, וואלטן מיר איבערגעריסן איצט?

— ניין, ניין האבן אלע געענטפערט. דערצייל, דערצייל ווייטער.

אויפן דריטן טאג בין איך געגאנגען צו זיי אין דעם וואכהויז און געזאגט: „איך וויל נישט איר זאלט זיך פילן געפייניקט. איך האב מורא פאר גאט. טוט וואס איך וועל אייך הייסן און איר וועט בלייבן פריי. אויב איר זיינט ערלעכע מענטשן, זאל איין ברודער אייערער בלייבן איינגעשפארט דא אין וואכהויז און אלע אנדערע זאלן גיין אהיים און ברענגען תבואה צו זעטיקן אייערע הויזגעזינטן (פאמיליעס). דערנאך זאלט איר ברענגען

אייער יינגסטן ברודער צו מיר ביכדי צו באַווייזן דעם אמת פון אייערע ווערטער.

זיי האָבן איינגעוויליקט אַזוי צו טון. דערביי האָבן זיי אָנגעהויבן זיך דורכצורעדן. יהודה האָט געזאָגט: „מיר האָבן געזינדיקט קעגן אונזער ברודער. מיר האָבן צוגעזען ווי צער ווען ער האָט זיך געבעטן ביי אונז און מיר האָבן נישט קיין רחמנות געהאַט אויף אים. דורך דעם איז געקומען אויף אונז די צרה“.

און ראובן האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט זיי: „האָב איך אייך דען נישט געוואָרנט: פאַרזינדיקט אייך נישט קעגן דעם יינגל. איר האָט אָבער נישט צוגעהערט צו מיינע רייד און אַט איצט ווערט זיין בלוט אויפגעמאָנט“.

פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן נישט געוווּסט אַז איך הער און פאַרשטיי אַלעס, ווייל ס'איז געווען אַלץ אַ דאָלמעטשער צווישן אונז. מער האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטן. איך בין איילִיק אַרויס פון דאָרט און זיך פאַרמאַכט אין אַ צימער און געוויינט. דערנאָך האָב איך מיך אומגעקערט, האָב געהייסן לאָזן שמעונען אין וואַכהויז און די אַנדערע ניין זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן.

איך האָב באַפוילן אַז מען זאָל אָנפילן די זעק מיט תבואה און ביים פאַרבינדן די זעק אַריינלייגן אין יעדן זאַק דאָס געלט פון יעדן. אַזוי האָט מען געטון. מען האָט זיי אויך מיטגעגעבן שפייז אויפן וועג.

זיי האָבן אויפגעלאָדן די תבואה אויף די אייזלען און זיך געלאָזט אין וועג.

דאָ האָב איך דערנאָך באַפרייט שמעונען און ער האָט מיר דורכן דאָלמעטשער דערציילט אַז דער פאָטער איז געזונט און אַז ער איז רייך אין שאָף און רינדער. נאָר מען ליידט שטאַרק דורכן אומגערעטעניש.

—און וואָס איז געוואָרן ווייטער — האָט מנשה געפרעגט.

איך בין דערנאָך פון די ברידער געוואָר געוואָרן אַז ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אַכסניה צו געבן עסן די אייזלען, האָט איינער געעפנט אַ זאַק און געפונען דאָס געלט. אַ דערשראָקענער פון דעם האָט ער עס דערציילט די ברידער. זיי האָבן באַלד אַלע געעפנט די זעק און געטראָפן דאָס געלט. אַ ציטער און שרעק האָט זיי אַרומגענומען און זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון. נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו לאָזן זיך אַהיים און עס דערציילן דעם פאָטער. ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען האָבן זיי אַלעס דערציילט וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט און געזאָגט: „דער מאַן, דער האַר פון לאַנד האָט מיט אונז גערעדט האַרט און האָט אונז דערקלערט פאַר אויסקוקערס פון לאַנד. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז ערלעכע מענטשן זיינען מיר, און מיר זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין מרגלים, שפּיאָנען. צוועלף ברידער זיינען מיר, זין פון איין פאָטער. איז איינער פאַרשוווּנדן געוואָרן און דער יינגסטער איז געבליבן מיטן פאָטער. האָט דער כאַן דער האַר פון לאַנד געזאָגט: מיט דעם וועל איך אייך אויספּרוּוון: איין ברודער לאָזט דאָ, נעמט נעגוּג עסן און גייט, און ברענגט אייער יינגסטן ברודער

צו מיר, וועל איך וויסן אַז איר זיינט נישט קיין אויסקוקערס, און איר וועט מעגן האַנדלען אין לאַנד. דערנאָך האָבן מיר געפונען אַז מען האָט אונדז דאָס געלט אומגעקערט אין די זעק.

דער פאָטער האָט עס אויסגעהערט מיט צער און עגמת נפש און געזאָגט: „איר האָט מיך בארויבט פון מיינע קינדער. יוסף איז מער נישטאָ; און שמעון איז נישטאָ, און בנימינען ווילט איר אוועקנעמען. דאָס אַלץ איז אויף מיר אויסגעגאַנגען.

— אָרעמער זיידע נעבעך — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אפרים.

— נו, קינדער, האָט יוסף געזאָגט, איצט וועלן מיר אי־בערדייסן.

— גערעכט, יוסף; ס'איז שוין גוט שפּעט — האָט אסנת געזאָגט, און אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די זיצפּלעצער.

— 9 —

די צווייטע רייזע קיין מצרים

דער איבעררייס האָט געדויערט דריי טעג. ס'זיינען געווען אַלערליי שטערונגען אין די אָוונטן און יוסף האָט ניט געהאַט קיין צייט. מנשה און אפרים האָבן אין איינעם פון די טעג באַזוכט דעם זיידן, אָבער מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט דעם פאָטערס דערציילונגען. אין דריטן טאָג פון יענער צייט האָט אסנת געהאַט אין דער נאָכמיטיקצייט באַזוך פון אירע קרובים און אין אָוונט געסט פון קעניגלעכן הויף. ערשט אויפן פערטן טאָג אין אָוונט האָט יוסף פאָרגעזעצט די דערציילונג.

„מיר האַלטן, אויב איר געדענקט — האָט ער געזאָגט — ביים אומקערן זיך פון מיינע ברידער מיט דער תבואה אַהיים" און ער האָט פאָרגעזעצט:

— נאָכן אָפּשיקן די ברידער מיט די תבואה לאַדונגען בין איך געבליבן געשפּאַנט אויפן קומען בנימין, מיין איינציקן ברודער פון מיין מוטער רחל. איך האָב אַפילו גערעכנט אַז דער פאָטער וועט מעגלעך אויך מיטקומען און נישט אַוועקלאָזן זיין בן־זקונים, זיין מוזינעק בנימין דעם איינציקן ביי אים פון מיין מוטער. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן אַז ער האָט שווער געקעמפט מיט זיך און מיט די ברידער ביז ער האָט איינגעוויליקט מיטצושיקן בני־מינען.

דער פאָטער האָט מיר נאָך זיין קומען דערציילט, אַז ראובן דער עלצטער זון איז צוגעטרעטן צו אים און געזאָגט: „מיינע ביידע זין זאָלסטו טויטן אויב איך וועל דיר נישט אָפּברענגען בנימין. גיב אים אויף מיין האַנט און איך וועל דיר אים אומקערן". דער פאָ־טער איז געווען קעגן דעם און האָט געענטפערט: „מיין זון וועט נישט אַראָפּנידערן מיט אייך, ווייל זיין ברודער איז טויט און ער איז געבליבן ביי מיר איינער פון רחלען. ווען ס'זאָל טרעפן מיט אים אַן אומגליק אויפן וועג וואָס איר וועט גיין, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גרויע האָר מיט טרויער אין קבר".

— עפּעס פון דעם האָט אונדז דער זיידע דערציילט — האָט

געזאָגט מנשה — אָבער נישט קיין סאך. דערצייל, דערצייל ווייטער.
דער הונגער איז געווען שווער און ווען מען האָט אויפגעגעסן די געבראַכטע תבואה — האָט יוסף פאַרגעזעצט — האָט דער פאָטער געזאָגט די ברידער זיי זאָלן נאָך אַמאָל גיין קיין מצרים. נאָר יהודה האָט געענטפערט: „וואָרנען האָט אונדז געוואָרנט דער מאַן: „איר זאָלט מיין פּנים נישט זען אויב אייער יינגסטער ברודער איז נישט מיט אייך", איז אויב דו שיקסט אונדזער ברודער מיט אונדז וועלן מיר אַראָפּנידערן קיין מצרים און וועלן איינקויפן שפּייז, ווען אָבער דו שיקסט נישט מיט, וועלן מיר נישט אַראָפּנידערן, ווייל דער מאַן האָט אונדז קלאָר געזאָגט איר זאָלט מיין פּנים נישט זען אויב אייער ברודער איז נישט מיט אייך.

— פאַרוואָס האָט איר מיר געטאָן די רעה און געזאָגט דעם מאַן אַז איר האָט נאָך אַ ברודער? — האָט מיין פאָטער געטענהט. און ראובן האָט געענטפערט: דער מאַן האָט זיך פונאַנדערגעפרעגט וועגן אונדז און וועגן אונדזער משפּחה. ער האָט געפרעגט צי לעבט נאָך אייער פאָטער? האָט איר נאָך אַ ברודער? ווי האָבן מיר געקאָנט וויסן אַז ער וועט זאָגן ברענגט מיר אייער ברודער?

יהודה האָט זיך געשטעלט פאַר דעם פאָטער און געזאָגט: „שיק דאָס יינגל מיט מיר און מיר וועלן אויפשטיין און גיין כדי מיר זאָלן זיך ראַטעווען פונעם הונגער און נישט שטאַרבן, אַזוי מיר ווי דו און די קליינע קינדער. איך גאַראַנטיר פאַר אים. פון מיין האַנט זאָלסטו אים מאָנען. אויב איך וועל דיר אים נישט ברענגען און אים נישט אוועקשטעלן פאַר דיר זאָל איך זיין אַ פאַרזינדיקטער צו דיר אַלע טעג. ווען מיר וואָלטן זיך נישט פאַרזוימט דאָ איבערן יינגל וואָלטן מיר זיך שוין אַצינד אומגעקערט צום צווייטן מאָל.

דער פאָטער האָט אַביסל נאָכגעטראַכט און געזאָגט דערנאָך:

— אויב שוין יאָ אַזוי, דאַן טוט אַט וואָס: נעמט פון די בעסטע פּרוכטן פון לאַנד אין די זעק און פירט עס דעם מאַן אַלס מתנה. נעמט מיט אַביסל באַלזאַם, האָניק, געווירץ, ניס און מאַנדלען. און טאָפּלט געלט זאָלט איר מיטנעמען, און אויך דאָס געלט וואָס איז אייך אַריינגעלייגט געוואָרן אין די זעק מיט תבואה טאָמער איז עס געווען אַ טעות. און נעמט אייער ברודער און שטייט אויף און לאָזט אייך איזוועג. און גאָט שדי וועט דערוועקן דערבאַרמונג ביי דעם מאַן און ער וועט באַפרייען אייער אַנדערן ברודער און אים מיט אייך און בנימינען לאָזן אין פרידן צוריק אַהיימגיין.

מיינע ברידער האָבן געטאָן אַלעס וואָס דער פאָטער האָט געזאָגט. זיי האָבן מיטגענומען מתנות און טאָפּלט געלט און האָבן מיטגענומען בנימינען און זיך געלאָזט אַהער.

— אַרעמער זיידע! — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אפרים.

יוסף האָט געשוויגן אַ וויילע און האָט אַ ווינק געטאָן די קינדער צו שווייגן, פאַרשטייענדיק ווי שווער ס'איז איצט יוספן דאָס דערציילן ווייטער.

— דערצייל, פאָטער, דערצייל — האָט מנשה איבערגעריסן די געשפּאַנטע שטילקייט. — איצט הויבט זיך דאָך אַן שוין דאָס גוטע.

יאָ, האָט יוסף געזאָגט. די ברידער זיינען געקומען און זיך

באַלד געבעטן צו האָבן אַ שמועס מיט מיר. ווען איך האָב דערזען בנימינען האָט עס מיר אַ ריס געטאָן ביים האַרצן. ער איז ייִנגער געווען פון מיר מיט זיבן יאָר און ווען איך האָב אים איצט געזען איז ער געווען שוין אַ דערוואַקסענער מאַן פון דרייסיק יאָר און איך האָב אים נישט דערקענט. איך האָב אָבער געוווסט אַז ער איז מיין לייבלעכער ברודער פון מיין מוטער רחל, און מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן. כ׳האָב זיך אָבער געשטאַרקט און נישט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. כ׳האָב פאַראָרדנט נאָמאַל מאַמאַן מיין הויז פירער צו הייסן שעכטן אַ שאָף און צוגרייטן אַ מיטיק אַז איך זאָל עסן מיט זיי, און כ׳האָב אויך געהייסן אַז מען זאָל די אויסלענדישע מענער, נישט זאָגנדיק אַז זיי זיינען מיינע ברידער, אַריינפירן אין מיין פּריוואַט הויז!

מיינע ברידער זיינען דערשראָקן געוואָרן. זיי האָבן געטראַכט אַז איך הייס זיי ברענגען אין מיין הויז איבערן געלט וואָס זיי האָבן געפונען אין די זעק, אויף אָפּצורעכענען זיך מיט זיי. ס׳איז פאַר־געקומען צווישן זיי אַ קורצער שמועס און באַלד איז יהודה צוגע־גאַנגען צו דעם הויז־פירער און געזאָגט: „איך בעט דיך, מיין האַר, אויסצוהערן וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט. מיט אַ צייט צוריק זיינען מיר געקומען קויפן תבואה אין מצרים איבערן הונגער אין כנען, און ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און אונטערוועגס זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אַפּרו־הויז האָבן מיר ביים עפענען אַ זאַק געפונען האָב געלט וואָס מיר האָבן געצאָלט פאַר דער תבואה. און עפּנדיק די אַנדערע זעק האָבן מיר אין זיי אויך געטראָפן אונדזער געלט. איצט האָבן מיר עס אָפּגעבראַכט. מיר האָבן אויך געבראַכט געלט פאַרן פרישן קויף פון תבואה. מיר ווייסן נישט ווער ס׳האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין אונדזערע זעק.

נאָמאַל מאַמאַן האָט געוווסט פון דעם, ווייל דורך אים איז עס געטאָן געוואָרן די אַרבעט. ער האָט באַרואיקט די ברידער און גע־זאָגט: איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. אייער גאָט און דער גאָט פון אייער פאָטער האָט אייך געשאָנקען אַן אוצר אין אייערע זעק. אייער געלט פאַר יענער תבואה האָב איך באַקומען.

ער האָט געהייסן די ברידער וואַרטן אַ מאָמענט און געבראַכט צו זיי שמעונען און אַלע אַריינגעפירט אין מיין הויז. דאָ האָט מען זיי געגעבן וואַסער צו וואַשן די פיס און געגעבן פוראַזש די אייזלען, און מען האָט זיי געזאָגט אַז מיטיק וועלן זיי עסן מיט מיר.

— דו האָסט געמוזט זיין שטאַרק אומרויק? — האָט אפרים געזאָגט.

— נו, פאַרשטייט זיך, קינד מיינס. ס׳איז אין יענעם מאָמענט ווידעראַמאָל אַרויפגעשווומען אין געדאַנק יענער קינדערשער חלום מיט די גאַרבן ווי זיי בוקן זיך, און איך האָב אַ וויש געטאָן דעם געדאַנק. כ׳בין געווען שטאַרק ? טערן ווי צו וועלן אָפּווישן יענעם געדאַנק. כ׳בין געווען שטאַרק צערודערט.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין אויפנאַמס צימער האָט מען די ברידער באַלד אַריינגעלאָזט אַהין.׳. זיי האָבן געבראַכט די מתנות און זיך געבוקט ביז צו דער ערד. כ׳האָב באַלד פאַרפירט אַ שמועס און כ׳האָב זיי געפרעגט אויפן פאָטער: „איז פריד צו אייער אַלטן

פאָטער וואָס איר האָט פון אים דערציילט? און זיי האָבן זיך ווידער גענייגט און געבוקט און נעבוקט. און געענטפערט: ס'איז פריד צו דיין קנעכט אונדזער פאָטער".

כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן און ווידעראַמאָל געזען בנימינען און געזאָגט: „איז דאָס אייער יינגסטער ברודער וואָס איר האָט מיר פון אים דערציילט? זאָל דיך גאָט בענטשן מיין זון".

מער האָב איך נישט געקאָנט איינהאַלטן. כ'בין אויף שנעל אַרויס פון אויפנאַמס צימער, בין אַריין אין אַ צווייטן צימער און זיך שטאַרק צעוויינט. דערנאָך האָב איך מיר געוואַשן דאָס פּנים און צוריקגעקומען צו די ברידער, און געהייסן דערלאַנגען דאָס עסן.

10

די מעשה מיטן בעכער

און יוסף האָט ווייטער דערציילט:

מעגלעך, אַז איר וועט עפּעס געדענקען פון יענעם טאָג און איך גלויב, אַז גיכער נישט, ווייל איר האָט דאַמאָלסט נישט געקאָנט וויסן וואָס עס האָבן באַדייט אייניקע זאַכן. דאָס עסן צוזאַמען מיט די ברידער נאָך אַ צייט פון איבער צוואַנציק יאָר איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין מיין לעבן און איך בין געווען שטאַרק צערודערט. אין מיין האַרץ האָט עס געשטורעמט. איך האָב געהייסן דעקן פאַר די ברידער אַ באַזונדערן טיש, פאַר אונדז אַ באַזונדערן און פאַר די מיצרישע אָנגעשטעלטע אַ באַזונדערן טיש.

די ברידער האָבן זיך אויסגעזעצט ביים טיש איינער נאָכן אַנדערן לויטן עלטער פון יעדן.

איך האָב פאַראָרדנט, אַז מען זאָל בנימינען געבן גרעסערע פּאָרציעס. די דינערשאַפט האָט זיך געחידושט, אָבער אויסגעפירט שטילשווייגנדיק מיינע אָנווייזונגען.

אין דער נאָכמיטיק צייט האָבן די ברידער געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט און איינגעקויפט פאַרשידענע זאַכן, און אין דער דאָזיקער צייט האָב איך פאַראָרדנט גאַמאַלן אַז ער זאָל אָנפולן די זעק פון די מענטשן, מיינע ברידער, מיט תבואה גאַנץ פול, און ביי דער עפענונג פון יעדן זאַק אַריינלייגן יעדנס געלט. חוץ דעם זאָל ער אין זאַק פונעם יונגסטן, מיין ברודער בנימין, אַריינלייגן מיין זילבערנעם בעכער צוזאַמען מיטן געלט.

— צו וואָס האָסטו דאָס געטון פאָטער? — האָט מנשה געפרעגט.

— האָב אַביסל געדולד, קינד, וועסטו הערן. איך האָב פּשוט געוואָלט זיין זיכער צי איז דער וואָס זיי זאָגן, אַז ס'איז בנימין, טאַקע מיין ברודער.

מיין הויזפירער האָט געטון אַלעס ווי איך האָב אים געהייסן. גאַמאַל מאַמאַן איז געווען זייער אַ קלוגער מאַן. איצט איז ער גובערנאַטאָר פון אַ פּראָווינץ.

גאַנץ פאַרטאָג, ווען ס'האָט זיך באַוויזן דער מאָרגנשטערן האָט מען אַרויסגעבראַכט די אייזלען, אויפגעלאָדן די תבואה, און מיינע ברידער אַרויסגעשיקט אַהיים, און ווען זיי זיינען נאָר וואָס

ארויס פון דער שטאָט, נאָך נישט אַוועק ווייט, האָב איך גענעבן מאַ־
מאָן אַ נייע פאַראָרדענונג: יאָג נאָך די גרופּע מענטשן און ווען דו
וועסט זיי אַניאָגן זאָלסטו זיי זאָגן: פאַרוואָס האָט איר אָפּגעצאָלט
שלעכטס פאַר דעם גוטן וואָס מען האָט אייך געטון? פאַרוואָס האָט
איר צוגענומען דעם בעכער פון וועלכן מיין האַר טרינקט און טוט
כישוף מיט אים, איר זיינט זיך באַגאַנגען זייער שלעכט מיט דעם
וואָס איר האָט געטון.

שפּעטער האָט גאַמאַל מאַמאַן מיר דערציילט, אַז ער האָט
נאָר איינגיכן, באַגלייט פון אייניקע מענער, דעריאָגט מיינע ברידער
און זיי אָפּגעשטעלט און געזאָגט דאָס אַלעס וואָס איך האָב אים גע־
הייסן. די ברידער זיינען געבליבן שטאַרק דערשטוינט און דערשראָקן,
און איינער פון זיי האָט געענטפערט: „פאַרוואָס רעדט מיין האַר
אַזעלכע ווערטער? באַהיט זאָלן ווערן דיינע קנעכט צו האָבן געטון
אַזאַ זאַך. זע, דאָס געלט וואָס מיר האָבן געהאַט געפונען אין די זעק
ביי אונדזער פריערדיקן איינקויף האָבן מיר דיר אומגעקערט, צוריק
ברענגענדיק עס פון כנען, איז ווי אַזוי זשע וועלן מיר גנבענען פון
דיין האַרס הויז זילבער אָדער גאָלד. דער פון דיינע קנעכט וואָס
ס'וועט ביי אים געפונען ווערן אַזעלכעס זאָל אומגעבראַכט ווערן און
מיר אַלע וועלן זיין קנעכט ביי דיין האַר".

דאַרויף האָט גאַמאַל מאַמאַן געזאָגט: ווען אַפילו ס'וואָלט
נעדאַרפט זיין אַזוי ווי דו זאָגסט — דאָך זאָל נאָר דער זיין אַ
קנעכט ביי וועמען מען וועט דעם בעכער געפונען, און איר אַלע
אַנדערע וועט בלייבן ריין.

די ברידער האָבן אויף גיך אַראָפּגעלאָזט די זעק און יעדער
האָט געעפנט זיין זאַק. מאַמאַן האָט אָנגעהויבן זוכן, אָנהויבנדיק פון
עלטסטן און געענדיקט ביים יונגסטן. און דאָ אין זאַק פון בנימין
האָט ער געפונען דעם בעכער.

דערשראָקן פון דעם געשעענעם האָבן די ברידער צעריסן
זייערע קליידער און דערנאָך אויף דער פאָדערונג פון גאַמאַל האָבן
זיי שווייגנדיק און אין טיפן צער ווידער אויפגעלאָדן די תבואה
יעדער אויף זיין אייזל און זיך אומגעקערט אין שטאָט.

— מיינסטו אַז דו האָסט גוט געטון, פאָטער, מיט דער דאָזי־
קער נקמה? — האָט אפרים געפרעגט.

יוסף האָט זיך געפילט אַביסל באַטראָפן און געענטפערט:
איך האָב דאָך שוין פריער געזאָגט, אַז איך האָב געוואָלט בלויז זיין
זיכער צי איז עס טאַקע בנימין דער וועמען זיי האָבן מיטגעבראַכט.
אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געשלאָפן און נישט געקאָנט זיך קיין
רואיק אָרט געפונען. וואַרטנדיק, אַז ס'זאָל טאָג ווערן און כ'זאָל זיך
ווידער טרעפן מיט זיי און אויפדעקן פאַר זיי דעם גרויסן סוד וואָס
איז געלעגן טיף אין מיין האַרצן.

ווען די ברידער זיינען געבראַכט געוואָרן — האָט יוסף ווייַ־
טער דערציילט — בין איך געשטאַנען און געוואַרט אויף זיי. איך
האָב זיי אָנגעקוקט קאַלט אָבער מיין האַרץ האָט געציטערט פון וויי־
טיק. זיי האָבן זיך געבוקט און געפאַלן צו דער ערד.

איך האָב גערעדט צו זיי נישט שטרענג אָבער אין אַ קאַלטן
טאָן: „וואָס איז דאָס פאַר אַן אופן צו טון אַזאַ זאַך וואָס איר האָט

געטון? האָט איר דען נישט געוווּסט, אז אַזאַ מאַן ווי איך גיט זיך אַפּ מיט כישוף?

יהודה האָט דאָרויף מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געזאָגט: „וואָס זאָלן מיר זאָגן מיין האַר; וואָס זאָלן מיר ריידן און וואָס זאָלן מיר ענטפערן און וואָס זיך פאַרענטפערן? ס'איז אַפּן אַרויסגעבראַכט די זינד פון דיינע קנעכט. נו, אַט זיינען מיר קנעכט צו מיין האַר, אַזוי מיר און אַזוי דער אין וועמענס זאַק דער בעכער איז געפונען געוואָרן.

איך האָב געזוכט זיי צו באַרואיקן און געזאָגט: חלילה, חס וחלילה איך זאָל אַזעלכעס טון. בלויז דער מאַן ביי וועמען דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זיין האַנט, בלויז ער זאָל בלייבן אַ קנעכט און איר גייט אייך בשלום צו אייער פאָטער.

— זאָל זיין גענוג פאַר איצט — האָט אסנת געזאָגט — נישט אַזוי קינדער?

— יאָ, יאָ, גערעכט. זאָל זיין פאַר איצט גענוג — האָט יוסף צוגעשטימט. — מאָרגן וועל איך אייך ווייטער דערציילן. דאָס הייסט אויב איר האָט אינטערעס דערצו.

— יאָ, יאָ, יאָ! — האָבן אַלע אויסגערופן.

— 11 —

יוסף גיט זיך צו דערקענען

כאָטשע יוסף איז געווען שטאַרק פאַרנומען אין אָוונט פון אַנדערן טאָג, האָט ער געלאָזט וויסן די קינדער אַז ער וועט פאָר־זעצן די דערציילונג. אַזוי איז עס אויך געווען. גאַנץ שפּעט אין אָוונט זענען אַלע געזעסן ביים טיש און יוסף האָט דערציילט:

„פון מיינע ווערטער האָבן די ברידער באַמערקט אַז איך האַלט מיך נישט שטרענג און מען קאָן צו מיר רעדן. יהודה האָט געמאַכט אַ שריט נענטער צו מיר און געזאָגט::

„איך בעט דיך מיין האַר, דערלויב דיין קנעכט ריידן אַ וואָרט, און שענק אים אויפמערקזאַמקייט, און זיי נישט צאָרנדיק אויף מיר, דיין קנעכט. מיין האַר האָט געהאַט געפרעגט אונדז, זיינע קנעכט, מיט די ווערטער: „האָט איר אַ פאָטער, אָדער אַ ברודער?” און מיר האָבן געזאָגט, מיין האַר, „מיר האָבן אַן אַלטן פאָטער און אַ קליי־נעם ברודער, אַ בן־זקונים, וואָס זיין ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן פון זיין מוטער און זיין פאָטער האָט אים ליב”. האָסטו געזאָגט צו אונדז, דיינע קנעכט: „ברענגט אים אַראָפּ צו מיר, איך זאָל אַ קוק טאָן אויף אים”. האָבן מיר געזאָגט צו מיין האַר: „דאָס יינגל קאָן נישט פאַרלאָזן זיין פאָטער, ווייל ווען ער זאָל אַוועק פון־נעם הויז וועט דער פאָטער שטאַרבן”. האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: „אויב אייער יינגסטער ברודער וועט נישט אַראָפּנידערן מיט אייך זאָלט איר זיך מער נישט ווייזן פאַר מיר”. און ווען מיר זענען אַרויפגעקומען צוריק צו דיין קנעכט, אונדזער פאָטער, האָבן מיר אים איבערגעגעבן די ווערטער פון אונדזער האַר”.

און יהודה האָט פאָרגעזעצט:

„שפּעטער, ווען אונדזער פאָטער האָט געזאָגט: „גייט ווייטער קיין מצרים קויפן שפּייז, האָבן מיר געענטפערט: „מיר קאָנען נישט אַראָפּנידערן סיידן אונדזער יינגסטער ברודער וועט זיין מיט

אונדז". מיר האבן דערמאנט אז מיר קאנען נישט ווייזן זיך פארן מאנס פנים ווען דער יינגסטער ברודער גייט נישט מיט. דארויף האט דיין קנעכט, אונדזער פאטער, געזאגט צו אונדז: „איר ווייסט אז צוויי האט מיר געבוירן מיין ווייב רחל און איינער איז פאר־לוירן געווארן, און איך האב געזאגט פארצוקן איז ער פארציקט געווארן, און איך האב אים נישט געזען ביז איצינד, און אויב איר וועט אוועקנעמען אויך דעם פון מיר און ס'וועט טרעפן אן אומ־גליק, וועט איר מאכן נידערן מיינע גרויע האר מיט טרויער אין קבר". און איצינד, האר מיינער, ווען איך וועל קומען צו דיין קנעכט, אונדזער פאטער, אן דעם יינגל, און אזוי ווי זיין הארץ איז פארבונדן צו זיינעם, איז אז ער וועט זען אז דאס יינגל איז נישטא וועט ער שטארבן. און מיר, דיינע קנעכט וועלן מאכן ני־דערן די גרויע האר פון דיין קנעכט, אונדזער פאטער מיט טרויער אין קבר".

הערנדיק די דאזיקע ווערטער האב איך אראפגעבויגן דעם קאפ, נישט קאנענדיק קוקן די ברידער אין די אויגן. איך האב געשוויגן און געלאזט יהודהן ווייטערריידן. און ער האט געזאגט:

„איך, דיין קנעכט, האב גאראנטירט פאר דעם יינגל צו מיין פאטער, אים זאגנדיק „אויב איך וועל דיר אים נישט ברענגען, זאל איך זיין א פארזינדיקטער צו מיין פאטער אלע טעג". און איצינד בעט איך דיך: „לאז מיך, דיין קנעכט, בלייבן ביי דיר אנשטאט דעם יינגל, א קנעכט צו מיין האר, און זאל דאס יינגל ארויפגיין מיט זיינע ברידער אהיים. ווייל ווי קאן איך ארויפגיין צו מיין פא־טער אן דעם יינגל, און צו זען דאס בייז וואס קאן טרעפן מיין פאטער?"

מער האב איך נישט געקאנט איינהאלטן. איך האב א הויב געטאן דעם קאפ און אין צערודערונג אויסגעשריען: „זאלן אלע פון דאנען באלד ארויס!" און אלע מצריים האבן זיך געפונען ארום מיר, אויך נאמאל מאמאן און אסנאטן דאחאמאן, דער שפיין באזארגער, זיינען ארויס, לאזנדיק מיך אליין מיט די ברידער.

— „פאטער פאטער" — האב איך א זאג געטאן און אויסגע־בראכן אין א יאמערליך געוויין. דערנאך האב איך אויסגעשטרעקט די הענט צו דער גרופע איבערגעשראקענע מענער און געזאגט: „ברידער מיינע, ברידער מיינע, איך בין יוסף".

זיי זענען געבליבן דערשראקן און געקוקט אויף מיר נישט קא־נענדיק א ווארט ארויסברענגען, און איך האב נאך אמאל געזאגט: „ברידער, ברידער, איך בין יוסף, איך בין אייער ברודער יוסף. קומט צו נענטער איך בעט אייך". זיי האבן געטאן א שפאן נענ־טער און געבליבן שטיין, און איך האב נאכאמאל געזאגט „איך בין יוסף אייער ברודער וואס איר האט פארקויפט קיין מצרים. און זאל עס אייך איצט נישט פארדריסן און נישט ערגערן וואס איר האט מיך פארקויפט אהער. דאס האט גאט אזוי געוואלט; כדי צו דערהאלטן אייער לעבן האט ער מיך געשיקט אייך פא־רויס. שוין צוויי יאר הערשט דער הונגער אין לאנד און נאך פינף יאר וועלן זיין אזעלכע וואס ס'וועט נישט זיין קיין אקער און קיין שניט".

און ווענדנדיק זיך צו מיין יינגערן ברודער האב איך גע־

זאָגט: „בנימין, בנימין קום אַהער". און איך בין געפאַלן אויף זיין האַלדז און געוויינט און אויך ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. איך האָב אים געקושט און אויך די אַנדערע ברידער און אויך זיי האָבן זיך צעוויינט.

דערנאָך האָב איך געזאָגט: נו, איצט ווען איר אַז נישט איר האָט מיר געשיקט אַהער נאָר גאָט, כדי אייך צו לאָזן אַז איבער־בלייב אויף דער ערד און אייך דערהאַלטן ביים לעבן: גאָט האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פאָטער (פּאַרזאָרגער) צו פּרעה, פאַר אַ האַר אויף זיין הויז און פאַר אַ געוועלטיקער איבערן גאַנצן לאַנד מצרים. איילט אייך איצט און גייט אַרויף צו מיין פאָטער און איר זאָלט אים זאָגן: „מיר האָבן געפונען דעם פאַרלוירענעם ברודער יוסף. גאָט האָט אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער גאַנץ מצרים". און זאָגן זאָלט איר אַז אַזוי האָט געזאָגט דיין זון יוסף: נידער אַראָפּ צו מיר באַלד און וועסט זיך באַזעצן אין לאַנד גושן און זיין נאָענט צו מיר, דו און דיינע קינדער און קינדס קינדער, און דיינע שאָף, און דיינע רינדער און אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט. איך וועל דיך דאָרט אויסהאַלטן, ווייל נאָך פינף יאָר וועט זיין דער הונגער".

צו דערמוטיקן נאָך מער די ברידער און זיי צו באַרויקן האָב איך ווייטער געזאָגט: „קערט אייך אום צופרידן פון דעם געשעע־נעם און דערציילט מיין פאָטער אַלעס וואָס איר האָט געזען און וועגן מיין כבוד אין לאַנד. איילט אייך און ברענגט באַלד דעם פאָטער אַהער".

— איי ווי גוט! — האָט אויסגערופן מנשה.

— וואָס איז גוט? — האָט יוסף געפרעגט.

— דאָס אַלעס וואָס דו האָסט געטאָן.

— איך געדענק עפּעס פון יענעם מאָמענט, אָבער כ'האָב דער־מאָלט נישט פאַרשטאַנען אַלעס — האָט אפרים געזאָגט.

— אמת, אמת — האָט יוסף צוגעגעבן. איר קינדער, האָט נישט געקאָנט נאָך פאַרשטיין און באַגרייפן דאָס גרויסע געשעע־ניש אין מיין לעבן.

— איך האָב אויך נישט אַלעס געקאָנט אויפכאַפּן, האָט אסנת זיך אַריינגעמישט. אָבער איך האָב מיטגעפילט דיין אומרו און צולעצט דיין פרייד.

— און ווי אַזוי איז געווען דאָס באַגעגעניש מיטן זיידע? — האָט מנשה געפרעגט.

ס'איז געווען אַ גרויס גרויס געשעעניש. און איר מעגט עס הערן.

— 12 —

יעקבס קומען קיין מצרים

און יוסף האָט פאָרגעזעצט זיין דערציילונג:

מיין אויסרוף אַז אַלע זאָלן אַרויס און מיר לאָזן אַליין מיט די ברידער, איז געווען פאַר יעדן אַ גרויסע איבעראַשונג. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, אָבער נים אַוועק, נאָר געבליבן שטיין ביי דער טיר

נײנעריקע. זײ האָבן געהערט מײַן געװײן און דאָס װײנען פֿון די ברידער. זײ האָבן געהערט מיך רײדן, נאָר ניט פֿאַרשטאַנען װעגן װאָס עס האַנדלט זיך.

ערשט נאָכן באַרויקן זיך, האָב איך אַז עפּן געטון די טיר, און אין דעם מאָמענט ביזטו, אָסנת, פּונקט אַנגעקומען. געדענקסט?

— אודאי געדענק איך. מען האָט מיר איבערגעגעבן אַז מען הערט דיך װײנען, האָב איך געװאָלט זען װאָס דאָ טוט זיך, און װען איך בין געקומען, האָב איך דיך געכאַפּט אַ שטראַלנדיקן און דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דאָס זײַנען דײַנע ברידער. פֿאַר פֿרײד װאָס איך זע דיך אַ גליקלעכן, האָב איך אויך געלאָזט טרערן.

יאָ, אַזױ איז עס געװען, קינדער, האָט יוסף פֿאַרגעזעצט. איך האָב אַז עפּן געטון דערנאָך ברײט די טיר און געזאָגט אַלע װאָס זײַנען האַרט געשטאַנען: „קומט און קוקט. איר זעט? דאָס זײַנען מײַנע ברידער. באַלד װעלן זײ ברענגען אויך מײַן פֿאָטער”. אַלע האָבן עס אויפֿגענומען מיט צופֿרידנקײט און זיך געבוקט.

די ידיעה האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרײט אין שטאָט און מען האָט עס אויך דערצײלט פּרעהן, אַז עס זײַנען געקומען מײַנע ברידער.

אין דער גאַנצער שנעלקײט האָט פּרעה געשיקט אַ שליח מיך צו רופֿן. ער האָט מיך באַגריסט און געשפּאָסט אַביסל: „שײנע זאַכן הערט מען װעגן דיר — האָט ער געזאָגט — מײַן שני למלך, דער הערשער איבער גאַנץ מצרים האָט געװײנט, אַז אַלע זאָלן הערן”. איך האָב מיך געניגט פֿאַר פּרעהן, און ער האָט דערנאָך געזאָגט: זײ באַגריסט מײַן שני למלך און װײס אַז איך און דער גאַנצער הויף האָבן אויפֿגענומען די ידיעה מיט צופֿרידנקײט. און איצט זאָג דײַנע ברידער אָט װאָס: „לאָדט אָן אײַערע בהמות און גײט קײן כנען און נעמט אײַער פֿאָטער און אײַערע הױזגעזינדן (פֿאַמיליעס) און קומט אַהער, און איך װעל אײַך געבן דאָס בעסטע פֿונעם לאַנד מצרים און זאָלט געניסן פֿון אַלעם. װײַטער זאָלסטו זאָגן דײַנע ברידער — האָט פּרעה מיר געזאָגט — אַז זײ זאָלן מיטנעמען פֿון מצרים װעגענער פֿאַר די קלײנע קינדער און פֿאַר די װײַבער, און מיטנעמען דעם פֿאָטער. איר האָט גאָרניט צו זאָרגן, װײַל דאָס בעסטע פֿון לאַנד איז פֿאַר אײַך גרײט”.

װען איך בין צוריקגעקומען פֿון פּרעה האָב איך געטראָפֿן דאָ נײסטלעכע און שטערנזעער, װאָס זײַנען געקומען מיך באַגריסן, און איך האָב זײ דערצײלט װאָס פּרעה האָט מיר געהײסן טון.

כ'האָב באַלד פֿאַראָרדנט נאָך אַמאָל מאַכן צוזוגרײטן װעגענער און שפּײַז פֿאַר די ברידער, און כ'האָב יעדן פֿון זײ געגעבן אַ נײַעם מלבוש און מײַן ברודער בנימין האָב איך געגעבן פֿינף געװנג מלבושים און דרײַ הונדערט זילבערשטיק. דעם פֿאָטער האָב איך געשיקט צען אײזלען באַלאָדן מיטן בעסטן פֿון מצרים און צען אײזלטעס באַלאָדן מיט תבואה און ברויט. חוץ דעם האָב איך געשיקט שפּײַז פֿאַר פֿאָטער צו האָבן אויפֿן װעג אַהער. כ'האָב אָפּגעזעגנט די ברידער און זײ אָנגעזאָגט ניט צו קריגן זיך אויפֿן װעג.

נאָך זײַן קומען אַהער האָט מיר דער פֿאָטער דערצײלט, אַז װען די זין האָבן זיך אומגעקערט, איז דאָס ערשטע אַרײַנגעקומען אין הויז יהודה אַלײן, און געזאָגט: „פֿאָטער, אַ גוטע בשורה ברענג איך דיר: דײַן זון יוסף לעבט. דערהערנדיק דעם נאָמען יוסף, איז

אים דאס הארץ ווי פארגליווערט געווארן און האט ניט א ווארט געקאנט אויסריידן. ער האט ניט געוואלט גלויבן. אבער יהודה האט ווייטער געזאגט: יא, פאטער: יוסף לעבט און ער איז הערשער אין מצרים. קום און זע· ער האט ארויסגעפירט דעם פאטער אינדרויסן און געוויזן די וועגענער און די גרויסע צאל באלאדענע אייזלען. דאמאלסט האט דער פאטער אויפגעלעבט. ער האט אויפגעהויבן די הענט און די אויגן צום הימל און געזאגט: גענוג! אויב מיין זון יוסף לעבט, וועל איך גיין און אים זען איידער איך שטארב·

נאך אין גיכן האט מען אנגעהויבן זיך גרייטן צום וועג. עס איז אלעס אויפגעלאדן געווארן אויף די וועגענער און אייזלען, און זיך געלאזט אויפן וועג אהער. דאס ערשטע איז מען געקומען קיין באר שבע און דארט האט מיין פאטער געשאכטן א קרבן צו גאט. אין דער נאכט האט אים געדאכט אז ער זעט גאט און אז גאט רעדט צו אים און זאגט אים: „איך בין גאט, דער גאט פון דיין פאטער. זאלסט ניט מורא האבן אראפצוגידערן קיין מצרים, ווייל פאר א גרויס פאלק וועל איך דיך דארט מאכן. איך וועל אראפנידערן מיט דיר קיין מצרים און אויך ארויסנעמען וועל איך דיך פון דארט".

אין דער פרי האבן אלע זיך געלאזט אין ווייטערדיקן וועג. אויף די וועגענער זיינען אויפגעזעצט געווארן די קליינע קינדער, די פרויען און דער פאטער, און די ברידער האבן געפירט די אייזלען, שאף און פי. ניט רעכענענדיק די ווייבער פון די ברידער, זיינען געווען אלע קינדער און אייניקלעך פון מיין פאטער, 66 נפשות וואס זיינען געקומען אהער.

ביים דערנענטערן זיך צו מצרים איז יהודה געשיקט געווארן פאריס צו ווייזן דעם וועג קיין גושן. ווען איך בין געוואר געווארן דערפון, האב איך געלאזט איינשפאנען דעם רייטוואגן און געפארן קיין גושן, און ווען איך בין געקומען אהין האב איך געזען קומען די גאנצע משפחה. שנעל האב איך צוגעיאגט צום פאטער און געפאלן אויף זיין האלז און געוויינט לאנג געוויינט· שוין 23 יאר אז איך האב אים ניט געזען. דער פאטער האט מיך ארומגענומען, געקושט און געזאגט: איצט קען איך שטארבן נאך דעם ווי איך האב געזען דיין פנים.

איך האב דערנאך צוזאמענגענומען די ברידער און דעם פאטער און זיי געזאגט: איך וועל ארויפגיין און דערציילן פרעה און וועל אים זאגן: „מיינע ברידער און מיין פאטערס הויזגעזינט וואס זיינען געווען אין לאנד כנען, זיינען געקומען צו מיר. די מענטשן זיינען פאסטוכער פון שאף און רינדער און זיי האבן מיטגעבראכט זייערע שאף און פי און אלץ וואס זיי האבן געהאט"· איצט, זייט וויסן אז ווען פרעה וועט אייך רופן און פרעגן „וואס איז אייער טון? זאלט איר זאגן: „פימערער זיינען דיינע קנעכט פון אונדזער יוגנט אן ביז אצינד, אזוי מיר און אזוי אונדזערע עלטערן".

ווי מיר האבן אפגערעדט אזוי איז עס געווען. איך בין אוועק צו פרעה מיט פינף ברידער, און האב אים געזאגט אז מיין פאטער און די ברידער מיט זייער גאנצן האב און גוטס, זיינען געקומען פון כנען און געפינען זיך אין פראווינץ גושן. כ'האב אויך פארגעשטעלט די פינף ברידער פאר פרעה, און ער האט זיי געפרעגט מיט וואס זיי גיבן זיך אפ: „פאסטוכער פון שאף זיינען דיינע קנעכט —

האט יהודה געזאגט — אזוי מיר און אזוי אונדזערע עלטערן. צו
ווינען דא אין לאנד זיינען מיר געקומען, ווייל עס איז ניטא קיין
פאשע אין לאנד כנען. דער הונגער איז שטארק דארט. אצינד, איך
בעט דיך, לאז דיינע קנעכט זיצן אין גשן.

פרעה האט זיך דאן געווענדט צו מיר און געזאגט: „דיין פא־
טער און דיינע ברידער זיינען געקומען צו דיר. דאס לאנד מצרים
איז אין דיין רשות. אין בעסטן טייל פון לאנד באזעץ דיין פאטער
און דיינע ברידער. אויב דו ווילסט זאלן זיי זיצן אין גשן. און אויב
דו פארשטייסט אז עס זיינען פאראן פראקטישע און טויגלעכע צווי־
שן זיי, זאלסטו זיי מאכן פאר איבערלייט איבער פי וואס איך
האב.

שפעטער האב איך אויך פארגעשטעלט מיין פאטער פאר פרעה
און דער פאטער האט אים געבענטשט:

— ווי אלט ביזטו? — האט פרעה דערנאך געפרעגט.

— די טעג פון די יארן פון מיין וואנדערונג זיינען הונדערט
און דרייסיק יאר — האט דער פאטער געענטפערט, און נאך צוגע־
געבן — ווייניק און שלעכט זיינען די יארן פון מיין לעבן. זיי קו־
מען ניט צו די יארן פון מיינע עלטערן.

ווידעראמאל האט מיין פאטער געבענטשט פרעהן און ארויס־
געגאנגען.

— און ווי אלט ביזטו דעמאלט געווען? — האט אפרים גע־
פרעגט.

— איך בין אלט געווען 87 יאר — האט יוסף געענטפערט און
געזאגט: איצט האלט איך ביים סוף פון דער דערציילונג. איך האב
באזעצט דעם פאטער, די ברידער און דאס גאנצע הויזגעזינט אין
בעסטן טייל פון לאנד, אין געגנט פון רעמסס (ראמסעס) און האב
אויסגעהאלטן אלע מיט שפייז די גאנצע צייט פון הונגער. איצט
איז די משפחה פון ישראל א גרויסע און וואקסט. איר קינדער גע־
הערט אויך צו דער דאזיקער משפחה.

(סוף)

III

די לעצטע יאָרן פֿון יעקבֿ און יוסף

(פּרשה ויחי)

— א —

יעקב געזעגנט די קינדער

אין גושן האט יעקב געלעבט רויק און געשעפט נחת פון זיינע קינדער און אייניקלעך. ער האט געקאנט פון צייט צו צייט דעם באזוך פון יוסף און זייער אפט זענען געקומען צו אים יוספס קינדער מנשה און אפרים. עס זיינען ביסלעכווייז צוגעקומען נאך און נאך קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך און די משפחה ישראל איז געווארן אנגעזען אין צאל און אין מאכט.

אין איינעם א טאג, נאכן אפלעבן 17 יאר אין מצרים האט יעקב זיך געפילט זייער שלעכט. שוין א שטיק צייט אז זיין געזונט צושטאנד איז געבראכן געווען און ער האט פארלוירן די ראיה (זעקראפט). נאר קיינמאל האט ער נישט געפילט זיך אזוי קראנק ווי אין דאזיקן טאג. ער האט פארשטאנען אז עס האלט שוין ביים סוף פון לעבן. האט ער געשיקט רופן זיין זון יוסף.

ווען יוסף איז געוואר געווארן אז דער פאטער פילט זיך שלעכט איז ער באלד אוועק קיין גושן.

יעקב האט אים צוגערופן נאענט און געזאגט:

— זיי מיר מוחל, יוסף, וואס איך האב דיך מטריח געווען. איך בין שוין אלט און איך פארשטיי אז איך וועל שוין נישט לעבן לאנג. כ'בין שוין 147 יאר אלט און מיין קערפער הויבט אן איינגעשרומפן, ווייל איך פאר מיין טויט דיך עפעס בעטן.

— זאג פאטער, זאג, און איך וועל אלעס דערפילן.

— איך בעט דיך אז זאלסט מיר טאן דעם חסד און מיין קערפער נישט באגראבן אין מצרים. קיין בנען זאלסטו מיין טויטן קערפער ברענגען און מיך באגראבן אינעם קבר פון מיינע עלטערן אין דער מערת המכפלה. איך, איך דיין פאטער, האב צו מיין גרויסן באדויערן דיין מוטער רחל דארט נישט געלייגט. ווען איך בין געקומען פון פדן איז מיר רחל געשטארבן אויפן וועג אין לאנד כנען, ווען ס'איז נאך געווען א שטיק וועגס קיין אפרת, און איך האב זי דארט אויפן פעלד באגראבן. אפרת, דאס איז בית לחם.. זיי מיר מוחל זון מיינער..

יעקב איז אנטשוויגן געווארן און דערנאך געפרעגט: איז וואס־זשע זאגסטו, יוסף?

— איך וועל טאן דאס וואס דו ווילסט, פאטער.

— שווער עס מיר, מיין זון. לייג די האנט אונטער מיין שענקל און שווער מיר.

און יוסף האט געטאן וואס דער פאטער האט געבעטן און געשווירן.

— איצט גיי מיין זון, גיי אהיים בשלום — האט יעקב געזאגט.

א קורצע צייט שפעטער האט מען געזאגט יוספן אז דער פאטער פילט זיך זייער שלעכט, און יוסף האט מיטגענומען זיינע צוויי זין און ווידער אמאל געקומען צום פאטער. און אז יעקב האט געהערט אז יוסף קומט האט ער לכבוד זיין ליבלינגס זון זיך אויפגע־

וועגס אין בעט.

יוסף איז צוגעקומען צום קראנקן פאטער און אים באגריסט, און יעקב האט אים געזאגט:

— דער גאט שדי (שאדאי) האט זיך באוויזן צו מיר אין לוז, כנען, און מיך געבענטשט און געזאגט אז פון מיר וועט אויסוואקסן א פאלק. און זע: איך האב נישט געהאפט דיין פנים צו זען, און אט האט מיך גאט געלאזט זען אויך דיינע קינדער: וויל איך אז די צוויי זין וואס זיינען דיר געבוירן אין מצרים פאר מיין קומען אהער, זאלן זיין ווי מיינע. אפרים און מנשה זאלן גערעכנט ווערן ווי ראובן און שמעון.

ס'איז שווער געווען דאס ליידן פון קראנקן און ער האט זיך אפגערוט. דערנאך האט ער געבעטן יוספן צו דערנענטערן צו אים זיינע זין. איבער דער שוואכקייט פון די אויגן האט ער זיי נישט דערקאנט און געפרעגט „ווער איז דאס?"

— מיינע קינדער זענען עס, פאטער — האט יוסף געענטפערט.

יעקב האט זיי ארומגענומען און געקושט. דערנאך האט ער ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף זיי. די רעכטע האנט אויף אפרים, כאטשע ער איז געווען דער יינגערער, און די לינקע האנט אויף מנשה, און זיי געבענטשט:

„דער גאט וואס מיינע עלטערן אברהם און יצחק האבן אים געדינט, דער גאט וואס איז געווען מיין באשיצער זייט איך לעב: דער מלאך וואס האט מיך אויסגעלייזט פון אלעם בייזן, ער זאל בענטשן די יינגלעך. זיי זאלן אנגערופן ווערן אויף מיין נאמען און אויפן נאמען פון מיינע עלטערן אברהם און יצחק און זיי זאלן זיך מערן אויף דער ערד".

יוסף האט געמיינט אז דער פאטער האט געמאכט א טעות מיטן לייגן די רעכטע האנט אויף אפרים, און האט אים אויפמערקזאם געמאכט אז מנשה איז דער עלטערער, דער בכור, אבער יעקב האט געזאגט אז ער ווייסט וואס ער טוט, און ער האט פארענדיקט די ברכה: „מען זאל זיך בענטשן ביים פאלק ישראל מיט דעם וואנטש „גאט זאל דיך מאכן ווי אפרים און מנשה" — שטעלנדיק אפרים פאר מנשה.

און ווידעראמאל האט יעקב גערעדט צו יוספן: זע, איך שטארב. אבער גאט וועט זיין מיט אייך און ער וועט אייך אומקערן צו דעם לאנד פון אייערע עלטערן.

דערנאך האט יעקב געלאזט רופן אלע זין און זיי געבענטשט. ער האט געזאגט:

„קלייבט אייך אויף, און הערט קינדער פון יעקב, און הערט אייך צו צום ווארט פון אייער פאטער ישראל".

ער האט אויסגערופן יעדנס נאמען באזונדער און זיי געבענטשט. צולעצט האט ער ווידעראמאל געבעטן, זיין קערפער צו באגראבן אין כנען. ער האט געזאגט: „איך האלט ביים שטארבן, זין מיינע, בעט איך אייך צו באגראבן מיך נעבן מיינע עלטערן, אין דער הייל פון מכפלה (מערעט האמאכפיילא), וואס געפינט זיך אין געגנט פון ממרא, אין לאנד כנען, וואס אברהם האט אפגעקויפט ביי עפרון דעם חתי (כיטי) פאר אן אייגנטום

קבר. „דארט האט מען באגראבן אברהם און שרה, דארט האט מען באגראבן יצחק און רבקה, דארט האב איך באגראבן לאה און דארט וויל איך אויך ליגן".

קוים האט ער געענדיקט דיזאזיקע ווערטער, האט ער צוריקגעלייגט די פיס אין בעט און א פאל געטון טויט.

יוסף איז צוגעפאלן צום פאטערס פנים און עס געקושט און געוויינט.

שפעטער האט יוסף באפוילן די רופאים איינצובאלזאמירן דעם טויטן קערפער פון זיין פאטער און ס'איז דערקלערט געווארן טרויער אין מצרים אויף א צייט פון 70 טעג. די באלזאמירונג אין מצרים האט געדויערט פערציק טעג.

ב

דער גרויסער לויה-מארש

נאך דעם ווי עס איז אוועק די טרויער-צייט נאכן טויט פון יעקב, איז יוסף געגאנגען צו פרעה און געזאגט: איך האב דיך צו בעטן, קעניג, א גרויסע זאך.

— זאג, זאג, רייד פריי — האט פרעה געענטפערט.

— מיין פאטער האט מיך באשווירן פאר זיין טויט און מיך געבעטן א זאך וואס כ'האב אים צוגעשווירן — האט יוסף געזאגט. ער האט מיר געזאגט: „זע, איך שטארב, און איך וויל אז מיין קבר זאל זיין דער וואס איך האב מיר אים צוגעגרייט אין כנען. דארטן זאלסטו מיך באגראבן". וויל איך דיך איצט בעטן זאלסט מיך לאזן דערפולן מיין שבועה, איך זאל ארויפגיין קיין כנען, באגראבן מיין פאטער און זיך אומקערן.

פרעה האט אויסגעשטרעקט די האנט צו יוספן און געזאגט פריינטלעך: ניי ארויף קיין כנען, נעם דיר מיט באגלייטונג און פיר אויס דאס וואס האסט געשווירן. ברענג דיין פאטער צו קבורה מיט כבוד.

אין גאנצן לאנד מצרים האט זיך גערעשט מיט דער צוגרייטונג צו דער לויה פונעם פאטער פונעם שני למלך. עס האבן זיך פארזאמלט קנעכט פון פרעה, די עלטסטע פון קעניגלעכן הויף און אלע עלטסטע פון גאנצן לאנד. ס'איז מיטגעגאנגען דאס גאנצע הויזגעזינט פון יוסף און אלע מענער און פרויען, קינדער און קינדסקינדער פון יעקבס הויזגעזינט. בלויז די קליינע קינדער, שאף און רינדער האט מען איבערגעלאזט אין גושן. ס'זיינען אויך מיטגעגאנגען רייטער און רייטוועגן.

די לויה האט מיט זיך פארגעשטעלט א גרויסע ארמיי און זי האט ארויסגערופן גרויס אויפזען ביי די פעלקער און שבטים איבער וועמענס טעריטאריע די מחנה האט זיך געצויגן.

איניקע קעניגן זיינען ארויס מיט באוואפנטע כוחות, מיינענדיק, אז דאס גייט א פיינטלעכע ארמיי צו אינוואדירן זייער לאנד, אבער ווען זיי האבן געזען אז דאס איז א לויה און אויפן ארון הענגט

די פרוין פון יוסף, האבן זיי זיך דערנענטערט מיט ערפורכט און כבוד און אויך אויפגעהאנגען זייערע קרוינען און אויך מיטגעגאנגען מיט דער לויה.

ווען מען איז געקומען צו גרן האטד (גורן האאטאד) אויף יענער זייט ירדן, האט די לויה זיך אפגעשטעלט און מען האט דא דורכגעפירט א טרויער־וואך, זיבן טעג צייט. ס'איז ווען דעם איבערגעגעבן געווארן דעם קעניג פון כנען אז די מיצרים פירן דורך א גרויסן טרויער דארט און ער האט זיך אויסגעדריקט: „וואס פאר א גרויסער טרויער פאר די מיצרים!" און פון דעמאלט אן איז יענץ ארט, פונעם שייער פון אטד, גערופן געווארן אבל מצרים (אייוועל מיצראים — מיצרישער טרויער) אויף יענער זייט ירדן.

דערנאך האבן יעקבס זין אריבערגעטראגן דעם ארון קיין כנען און באערדיקט זייער פאטער אין דער מערת המכפלה, וואס אברהם האט געהאט געקויפט ביי עפרון נעבן ממרא (מאמריי), אויספירנדיק יעקבס צוואה.

קיין מענטש פאר אים האט ניט געהאט אזא לויה ווי דאס האט געהאט יעקב דער שטאמפאטער פון פאלק ישראל.

יוסף מיט זיינע ברידער און אלע אנדערע וואס זיינען מיטגעגאנגען האבן זיך דערנאך אומגעקערט קיין מצרים.

צוריקקומענדיק קיין גושן האבן יעקבס זין אפגעהאלטן א באראטונג. זיי האבן זיך געפילט ווי עלנטע, און מורא געהאט אז יוסף זאל איצט ניט נקמה נעמען אין זיי. האבן זיי באשלאסן צו שיקן צו אים א שליח אים צו זאגן אזוי: „דיין פאטער האט באפוילן פארן טויט אזוי צו זאגן: אזוי זאלט איר זאגן יוספן: „פארגיב, איך בעט דיך, דעם פארברעך פון דיינע ברידער און זייער זינד, וואס זיי האבן דיר שלעכטס געטון". און איצטער פארגיב אונדז, בעטן מיר, דעם פארברעך וואס עס זיינען באגאנגען די קנעכט פון דיין פאטערס גאט".

הערנדיק די דאזיקע ווערטער האט יוסף געוויינט.

ס'זיינען באלד אנגעקומען די ברידער, געפאלן פאר אים אויף די פני און געזאגט: „זע, מיר זיינען דיינע קנעכט".

יוסף האט זיי געהייסן אויפשטיין און געזאגט: „איר האט ניט וואס מורא צו האבן. איר האט געמיינט א רעה פאר מיר, אבער גאט האט עס געמיינט פאר א טובה פאר מיר און פאר אייך, כדי צו דערהאלטן ביים לעבן פעלקער. זייט רויק און האט ניט קיין מורא. איך וועל ווייטער אויסהאלטן אייך און אייערע משפחות".

נאך אט דעם טרייסטווארט האט יוסף זיך אפגעזעגנט מיט די ברידער און זיך אומגעקערט אהיים. ער האט ווייטער אנגעפירט די מלוכה־ארבעט און האט דערלעבט אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

אין עלטער פון 110 יאר האט ער געלאזט רופן די ברידער און ער האט זיי געזאגט: איך פיל אז איך האלט ביים שטארבן. וויל איך אייך בעטן, אז ווען גאט וועט זיך דערמאנען אין אייך און וועט אייך ארויספירן פון דעם לאנד, ארויסצוברענגען אייך צום לאנד כנען וואס ער האט צוגעשוואוירן אונדזערע אבות: אברהם, יצחק און יעקב, זאלט איר אויפברענגען מיינע ביינער פון דאנען צום פארשפראכענעם לאנד.

ער האט זיי נים בלויז געבעטן, נאר אויך באשווירן דאס צו טון.

זיבעצן יאר איז אלט געווען יוסף ווען ער איז געקומען קיין מצרים. 30 יאר ווען ער איז געווארן שני למלך. 64 ווען יעקב איז געקומען און 110 ווען ער איז געשטארבן. זיין טויטער קערפער איז איינבאלזאמירט געווארן און מען האט דעם ארון באהאלטן אין מצרים.

ס'האט געדויערט דערנאך 357 יאר ביז די בני ישראל זיינען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, און זיי האבן דערפולט די שבועה און מיטגענומען דעם ארון מיט די רעשטן פון יוסף צום לאנד פון די אבות, אין וועמענס ערד עס האבן גערוט די רעשטן פון זיין פאטער יעקב און מוטער רחל.

פון זיינע זין אפרים און מנשה זיינען ארויסגעקומען צוויי שבטים, גלייכבארעכטיקטע מיט אלע שבטים פון ישראל.

אינהאלט

קאַפּיטל | זייט

יעקב אבינוס לעבן

1	[illegible] מיט די [illegible]	1
2	די [illegible]	[illegible]
3	יעקב באַקומט — די ברכה פון זיין פאָטער	12
4	דאָס באַגעגעניש מיט רחל	14
5	אין דינסט ביי לבן	16
6	יעקב אַנטלויפט אהיים	18
7	דער צונויפטרעף מיט עשו	21
8	רחל שטאַרבט אויפן וועג	24

דאָס לעבן פון יוסף

1	[illegible] מיט די ברידער	[illegible]
2	[illegible]	31
3	ער ווערט פאַרקויפט און [illegible] קיין מצרים	[illegible]
4	אַריינגעזעצט אין טורמע	[illegible]
5	יוסף [illegible] חלומות	[illegible]
6	פרעה מאַכט יוסף פאַר [illegible]	[illegible]
7	די [illegible] אין די [illegible] יאָרן	[illegible]
8	[illegible] די ברידער	51
9	די צווייטע [illegible] קיין מצרים	[illegible]
10	די [illegible] מיטן בנימין	[illegible]
11	יוסף גיט זיך צו דערקענען	59
12	יעקב [illegible] קיין מצרים	61

די לעצטע יאָרן פון יעקב

א.	יעקב בענטשט די [illegible]	67
ב.	די [illegible]	69

Este libro se terminó de imprimir el día 1[illegible] de Agosto de 1954, en los Talleres Gráficos "OPTIMUS", S. R. L. V. Gomez 271[illegible] Buenos Aires